STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04449

TOYERN IN DI BERG

I. Z. Shargel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב צבי שאַרגעל

טויערן אין די בערג

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ג — 1973

יעקב צבי שארגעל

טויערן אין די בערג

לידער



יעקב צבי שרגל
שערים בהרים
שירים

הוצאת „ישראל־בוך" תל־אביב
איתמר בן־אבי 4

J. Z. Shargel
Gates in the Mountains
Poems

Publishing House Israel-Book,
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

צייכענונג: דוד טושינסקי

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון „ליטעראַטור־פאָנד פאַר יידישע שרײַבער פון ראַטנפאַרבאַנד און ישראל",ביים ייד. שרייבער־פאַראיין אין תל־אביב.

Printed in Israel 1973 נדפס בישראל
כל הזכויות שמורות

XA אחדות דפוס אופסט ובלט בע"מ, תל־אביב

פון חלום אויפגעריסן

טויערן אין די בערג

אין אַלע בערג זענען דאָ טויערן, טירן, גענג
און אין מײַנעם — אויך.
האָט אַ רויטע לבנה פון שלאָף מיך אויפגעהויבן
און אַרײַנגעפירט אין אַ טויער — מיט כוח.
שפּאַן איך און שטײַג אויף באַרגיקע טרעפּ,
באַלד גרייך איך די שטערן.
נאָר אַ טויער אַ ווײַסער, אַוודאי דער טויער פון די טרערן,
פאַרשטעלט מיר, אַ פאַרשלאָסענער, דעם וועג.

אויף אַ שטעג אַ שמאָלן איך גיי איצט און זע. —
כ׳האָב זיכער דאָס אַלץ שוין געזען.
זאָל זײַן, אויף די וועגן פון חומש, וואָס דער רבי האָט מיך געפירט,
האָבן דעמאָלט זיך געעפנט אָט די טויערן?
נאָר דער באַרג איז דער זעלבער, און דער הימל איז דער זעלבער,
כ׳וואָלט שווערן:
דאָס האָט ער באַצוואונגען מײַן זען און מײַן הערן...
גיי איך און גיי אַרײַן אין די טויערן —
אַנטקעגן דעם מלכות פון שטערן.

נאָר די שטערן זענען ווײַט
און די טויערן אין די בערג זענען אָפן און פאַרפירן.
ווער קאָן מעסטן זייער ווײַט, זייער טיף?
איז גוט וואָס עס פירט מיך אַ רויטע לבנה —
אַ לאָמטער אין דער מידברדיקער באַכט.
ווײַל איך בין שוין וואַך, און איך גיי בישט אַליין. —
דאָס באַגלייט מיך ס׳געווײין פון געבליבענע אין וועג
און דער לאַנגאָניקער חלום.

דעמאָלט

און ס׳איז געווען,
אַז כ׳בין געקומען זיך געזעגענען
מיטן לעצטן מאַראַנץ אויפן בוים,
האָט דער פרילינגדיקער רוים געשמעקט מיט פסח,
מיט שאַרפן ריח פון ערב חמסין
און ס׳האָט אַ זשום געטאָן מיט צאָרן די בין.

עס האָט געפעלט אַ רגע צוצוקומען צום סוד.
דער גערעַנגל האָט געהאַלטן שוין אָט־אָט
און די זון האָט געפלאַקערט אין פרדס.
האָב איך אויסגעשטעלט די אויגן און הענט
צו דער גנאָד
און דערהערט ווי עס רעדט צו מיר כביכול — גאָט.

דער מאַראַנץ האָט געטאָן אַזאַ מין צאַפּל,
מיט דעם גאָלדענעם שוואַרצאַפּל דערזען דעם באַרג מוריה. —
אוי, ווו נעמט מען אַצינדערט אַ ליכטיקע ראיה
צו דערבליקן דעם מלאך און דעם לאָם? —
אָט רײַסט אַרויס אַ פלאַם און כאַפּט אַרום די הײם
און אַלץ גייט קריק צו תוהו,
ווערט שטויב,
ערד,
ליים.

דעמאָלט —
האָט דער געראַנגל שוין געהאַלטן אָט־אָט
און די זון האָט געפלאַמט אין סאָד.

כ׳דערקען דיך

איך דערקען דיך.
איך ווייס שוין ווער דו ביסט.
אַנומלט האָב איך דײַנע שוועלן געפאַרבט
מיטן בלוט פון מײַנע פיס.
איצט, אַז דו הויערסט —
אַ קעמל אַ באַלאָדנס
אויף אַלע גבולן פון לעצטער זעונג,
נייגט אַראָפּ דער טרויער
און דאָרנט.

דער מעליאַ־בוים עפנט איבער מיר זײַנע צווײַגן און צאָרנט:
ווי אַזוי קאָן אַ יום־טוב זײַן גאָר אַ גרויער?
און ווער שטייט דאָרט און רײַסט זיך מיט האַק אינעם טויער? —
אַמיין, די שטאָלענע מויער פון חרמון ביזן ים
איז אַ פאַקל דאָך,
אַ פלאַם.
נאָר דער וואָס טרויערט, בײַלט די אויגן אויס
און וואָרנט.

דערקען איך דיך.
איך ווייס שוין ווער דו ביסט.
דו ביסט די טויב און דער קאָרשון.
און איך — פון ביידע אַ געבונדענער,
בין אָפּגעטאָן
פון טון.

זיך אויפגעכאַפּט

פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט אין אַ זײַדן פּאַסן־העמד.
ס׳האָט אַוודאי שוין געהאַלטן בײַם טאָגן.
אַ פרעמד האָט מיך מיט קעלט אַרומגענומען
און מײַן לײַב גענומען שלאָגן, יאָגן
ווײַט אַוועק פון די חלום־גאַרבן,
פון אַ זון און זיך־בוקנדיקע שטערן.
ערשט לבנהס מילך־ליכט רינט אַרײַן אין מײַנע טרערן.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט נאַקעט, הויל.
איך לויף נאָך אַלץ פון גרוב, אײַל אַוועק פון דותן.
אין דרויסן בלויט די נאַכט
און עס פירן טרעפּ צו תהומען.
קײַקלען זיך די טרוימען פון שטיג צו שטיג
נידעריקער, טיפער —
ערשט אַ ווײַסער פּאַס, אַ הלך, אײַלט מיר צו דעם לויף.

וווּ זשע נעמט מען איצט אַ סטעזשקע, אַ שטעג,
אַן אָנכאַפּ לעת־עתה?
פון וויפל העמדער אין געיעג —
געשטרײַפטע און גלאַטע,
טריפט, פאַרגיסט, פאַרפלייצט דעם וועג?

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, דערוואַכט,
ערשט אַ רויטער פלאַם מיטאַמאָליק, אומגעריכט,
לעשט אויס די נאַכט פון בלויען ליכט.

פלוימען פון אַנומלט

עס פּיבערט אין גערעכט־זײַן מײַן געוויסן: —
ווער האָט דיך פון שלאָף איצט אויפגעריסן?
פון וואַנען דײַן בליק אַזוי צעשטורעמט?
זאָל זײַן, דאָס שטום־זײַן פון אָפּגעהאַקטן בוים
האָט צעריסן און צעדריבלט דײַן זיך־וועבנדיקן טרוים
בעת די פלוימען פון אַנומלט אין חלום האָסט געביסן?

און ווער איז עס דאָס געוויסן וואָס יאָגט דיך נאָך
נאַכט און טאָג — אַ שיכורער בעל־דאַרפער?
האָט נישט ער דאָס, מיט זײַן האַק דער שאַרפער,
אָפּגעהאַקט די קרוין, די צווײַגן, די ריטלעך צאַרטע
און געלאָזט דעם שטאַם אַ נאַקעטן, אַ נאָך־נישט־פאַרדאַרטן
ווײנען — אַ דערשלאָגענער אויף זײַן בראָך?

וואָסער חודש איז אין יאָר און וואָס פאַר אַ וואָך
וואָס בינען ראַיען אַרום אים מיט זשומענדיקע ביסן?
ווער האָט דעם שטאַם דאָ פון שלאָף אויפגעריסן
און פון זײַן חלום, אַז ווידער שוין ער טורעמט,
ווען ער שטייט גאָר אָדם־נאַקעט, מיט אַ קאָפּ אָפּגעהאַקטן
און זײַן בליק איז ווינטיק, צעשטורעמט?

נאָר זע —
מיט געבעט עס קוקט דער שטאַם צו רעגנדיקע הימלען
און אַלע גראָזן אַרום אים לויכטנדיקע ווימלען.

פון חלום אויפגעריסן

דער שלאָף
וואָס לינדערט דיר דעם ווייטיק אויף אַ ווײַל
ווערט פון חלום אויפגעריסן.
די גאַס — פון פינצטערניש צעביסן,
גייט אַראָפּ צום ים —
אַ שאָף,
אַליין.

דער שטיין
וואָס בלײַבט דיר ליגן אויפן האַרץ
— אַ שלאָפנדיקע האַנט אין דער נאַכט —
באַשווערט דיך
אַז וועקן זאָלסטו וועקן דאָס געוויסן
פון די בלינדע בעלי־גאווה.
דערמאָן זיי די קברים פון דער תאווה
אין מידבר און דאָס אויסגיין
פערציק יאָר.

נאָר איך ווייס דאָס, פאַרוואָר,
אַז פרעגן וועסטו פרעגן:
וווּהין זאָל גיין דער רוף,
דער פאַרדראָס,
אַז דער שלאָף
וואָס לינדערט מיר דעם ווייטיק
ווערט פון חלום אויפגעריסן? —

און די גאַס איז פון פינצטערניש צעריסן.

ווער ס׳האָט געזאָגט

ווער ס׳האָט געזאָגט ס׳איז טאָג שוין אין דרויסן,
זאָל קומען און מיך פירן צום טאָג.
כ׳האָב דאָס ברויט דער מאַמעס אין אַ פאַטשיילע פאַרבונדן
און איר רחמימדיק וואָרט פון געזעגן
אין מײַן בלוט טיף אײַנגעזאַפּט.
וועל איך אָנצינדן די ליכטער פון טאָג
און גיין דעם גורל אַנטקעגן.

ווער ס׳האָט געזאָגט: די זון איז אויפגעגאַנגען
זאָל קומען און מיר געבן די האַנט.
כ׳וועל פון קיינעם גאָרנישט נישט פאַרלאַנגען,
כ׳וועל נישט נעמען די געלאָזענע, די פאַרגעסענע זאַנגען
וואָס אויף פעלדער פון ווײַטע,
וואָס אויף פעלדער פון פרעמדע.
כ׳וועל קריקגעבן יעדן זײַן חלק,
אַ געבערענגטס פון די שינאהדיקע לענדער.

ווער ס׳האָט געזאָגט ס׳איז טאָג שוין אין דרויסן,
די זון איז שוין הייס אויפגעגאַנגען —
זאָל ברענגען אַ צייכן, אַ סימן:
אַלע די געזאַנגען
מיט וועלכע מײַנע ברידער זענען דאָרטן געגאַנגען
און מיט זיי פאַרגאַנגען,
אַרײַן אין דער נאַכט.

אַ פּלי טאָן קיין דאָרטן

האָסט געזען
ווי עס פֿאַרגייט אַ דאָרנקוסט אין טראָגן? —
ווי עס יאָגן פֿון זײַן אײַנגעקוואַרטן גוף
בליעכץ, בלעטער,
אין אַזאַ צײַט אַ שפּעטער, ווען דער זומער איז שוין אַלט,
די הייסקייט ציט דעם זאַפֿט, דעם מאַרך
פֿון די ביינער.
און איך געזעטיקט מיטן נס, גלעט מיט ליבשאַפֿט
פֿון סאָד די ביימער.

האָסט געהערט
מײַן ברכה, די ברכה פֿון מײַן ליד, וואָס עס זינגט
פֿון מיר אַרויס מײַן טאַטע, דער געשאָכטענער ייִד,
צום בוים, וואָס קיין מאָל אין זײַנע ד׳ אמות נישט געשטאַנען;
צום קוסט וואָס איז דאָרט קיין מאָל אין טראָגן נישט פֿאַרגאַנגען,
און די געזאַנגען פֿון די זאַנגען
וואָס האָבן נאָר געוואָרפֿן שרעק, פּחדים און גרויל?

עפֿן דײַן מויל און זאָג מיט מיר: הייליק ביסטו,
סאָד מײַנער, גאָרטן,
לאָז מיך אַ פּלי טאָן קיין דאָרטן,
צוריקצוקומען צו דיר געלײַטערט.

ווי מירטן גרינען

דער סוכותדיקער דופט פון מײַן יונגן מירטנביימל
האָט מיך אויפגעוועקט אין פֿאַר־באַגין.
דער חלום איז נאָך געהאָנגען דין, דין,
אין בלויען ליכט פון דער שויב
און דער לויב פון די אויפגעוואַכטע פייגל
איז אַרײַנגערונען דורך די שטאָרן.

דער גרין־בלויער פיקער — פיקנדיק אַן אַרבעסל פון בלי
האָט געזונגען אַ לויבעניש צו דער פרי,
צום טאָג, וואָס האָט ווײַט אין די בערג שוין געטאָגט,
צום ליכט, וואָס אין ווײַסן האָריזאָנט שוין געליכטיקט.
און ווי איך מעשהלע אויפגעוועקט דעם פֿאַסטעך מיטן האָרן.

האָט דאָס געפלויש פון דער מירט מיך באַשווירן,
מיך גערופן צו זיך און רייצנדיק געסודעט:
געדענקסט דאָס ליד וואָס זינגען פלעגסט זינגען
אין דײַן אָרעמער היים מיט געציטער —
„נישט זוך מיך דאָרט, ווו מירטן גרינען"...
אָט האָסטו מיך מיט דײַנע אייגענע הענט דאָ פֿאַרפלאַנצט
און קאָנסט מיך יעדע רגע דאָ געפינען.

בין איך געגאַנגען דעם ביימל אַנטקעגן
מיט הענט — אָנגעגאָסענע מיט מי,
מיט פיס, ווי צו תפילות אײַנגעבויגן
און מיט אויגן צוגעמאַכטע — בדחילו ורחימו,
און ס'האָט מיך אויפגענומען אין גאַנג אַן אויפגעשטאַנען בלימל.

שטיינער פון דערמאָנונג

א

כ׳מיש ווידער אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט
פון גרויען פאַרנעפּלטן אַנומלט,
דער ווײַזער וואָס יאָגט אויפן ציפערבלאַט
שלינגט אײַן די אויסגעגאַנגענע מינוטן
נאָר זײַן טיקן דערגרייכט צו מײַן האַרץ
און רירט אויף דעם אײַנגעשלאָפענעם זכרון;
כ׳מיש איבער אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט
און עס שטעלן זיך אין אַ ריי די יאָרן.

איך קוק אַהין און אַהער און קעריק.
איך לייען אַרויס פון זיך אַליין ווי פון אַ ספר.
און כאָטש דער שליאַך איז פאַרגאָסן מיט געוויין
און מיט טײַכן וואָס זענען אַרויס פון די וויגן,
קומט דער וואָס וויל פאַרגיסן זיך אַליין
און וועקט אויף, און צעשטורעמט מײַן אייפער.
איך קוק אַהין און אַהער און קעריק —
כ׳לייען אַרויס פון אַן אויפגעמאַכטן ספר.

זײַנע אותיות אויסגעברענטע — עפר ואפר! —
שוועבן אום מיט אָפּגעזענקטע פליגל.
אַ ווערטל, אַ זאָג, אַ ליד, אַ מעשה —
דאָס ציגעלע וואָס געשטאַנען בײַ מיין וויגל.
נאָר איבער אַלץ דער טאַטע מיט זײַן שבתדיקן ניגון
וואָס שטראַלט אַרויס פון מײַן יעדן דערמאָן.
פון די טענער אויסגעברענטע — עפר ואפר! —
איז מיר געבליבן פון ציגעלע דער טאָן...

ב

אַ טאָן וואָס צעגייט זיך אין טענער
און פֿאַרלויפֿט מיר יעדן שטעג, יעדן וועג.
אַ טאָן, וואָס צעפֿלאַמט זיך אין פֿענער,
צעשאַלט און פֿרעגט אָפּ יעדן פֿרעג.

אַ טאָן וואָס זינגט אַרויס פֿון מײַן פֿרי־טאָג,
בשעת די פֿײַנען פֿירן מיך געבונדן;
אַ טאָן, וואָס אָט עקט ער, לאָזט זיך אויס,
און אָט זינגט ער פֿון התלהבֿות צעצונדן.

אַ טאָן פֿון שלוש־עשׂרה מידות
אין פּראַקטיקן פֿאַרטאָג בײַם באַלעמער.
אַ טאָן אַן אײַנגעפֿאַלענער, וואָס מיד איז
און שלעפּט זיך נאָך די צו שחיטה־גייענדיקע לעמער.

אַ טאָן, וואָס דײַן האַלדז, אַן אויסגעצויגענער,
האָט אַ ברום געטאָן יענעם אָוונט בײַם סוף.
אַ טאָן — אויף פֿלייצעס אײַנגעבויגענע
אונטער פּעק און יאָכן אין געלויף.

בין איך געלאָפֿן, און דער טאָן פֿון דײַן ניגון
האָט געגעסטעט אין מיר מיט באַשייד. —
איצט, אַז איך וויל אַליין זיך שוין פֿאַרוויגן
קלויב איך אויס צו אָט דעם טאָן נײַע רייד.

ג

רייד נאָך נישט געריעדטע,
איך זאַמל אייַך איַין איצט אין לאָגל.
סײַ פֿריזע, סײַ שפּעטע —
כ'זאָל נאָר אייַך פֿאַרהיטן פֿון וואָגל.

כ'וויל אייַך די מי דאָ פֿאַרשפּאָרן,
פֿון אייַלן דורך ווינט און געוויטער,
אין זכר פֿון ציגעלע וואָס האָנדלען איז געפֿאָרן —
איך פֿירן אין פֿוס־טריט פֿון שניטער.

ביז קומען וועט דער טאָג אויסגעלייטערט
און איך וועל שוין רוען פֿון וואָגל,
אינעם ליכט פֿון זוניקן שײַטער —
איך זאַמל אייַך, רייד, אין אַ לאָגל.

1947

דער באַרנבוים פרילינגט

א

ס׳איז טאָג פון לעצטן רעגן —
אַ פאַרבנבויגן פאַרפלייצט מײַן ראיה.
אין מײַן הויף בליט דער באַרנבוים און פרילינגט.
אַ פלאַטערל גלעט אויס מײַנע וויִעס.

איך שטיי בײַם פענצטער און קוק צו דעם בוים:
דער זומער־גרויס פלאַטערט אין די שויבן.
פייגל, טויבן, בינען ראַיען,
זיי ברענגען מיר אַ בריוו פון קיינעם נישט געשריבן.
עס ליגן בלעטער אַרום דעם בוים און עס ליכטיקט די ערד —
וועמענס קול איז דאָס וואָס כ׳האָב נאָר וואָס דערהערט?

ב

דער באַרנבוים, מיט שפּאַלטן און מיט קנייטשן,
בעט מיר אויס מיט בליִונג דעם חלום.
איך צאָל אים מיט אַ שמייכל, מיט אַ זיפץ פון געמיט
און ער —
גיסט מיך אָן מיט גלויבן אויסגעטראַכטן.

וואָרעם דאַכטן טוט זיך מיר דאַכטן,
אַז מײַן ברודער האָט דערוואַכט
און איך בין ווידער נײַ געבוירן.
די ווײַסע בליטן אויפן בוים,
די אויפגעלעבטע צווײַגן זײַנע —
צו זיי איך וויל זיך איצטער גלײַכן.

נאָר גיי און גלײַך צו בליִונג גאָר
אַ גוף אָן אויסגעדאַרטן, בלייכן;
גיי און גלײַך צו ימען —

װאַדיס,
אַנטױשנדיקע טײַכן.

און דער פֿאַרבנרעגן פֿאַרפּלײצט מײַן אױג.

ג

מײַן ראיה — אַן אױפֿגעריסענע צום פֿאַרבנדיקן דרױסן,
לאָזט מיך זען אין בלױען שפּיגל
דאָס װיגל און מײַן פֿאַרהױלעניש אין געשװעב.
איך װעב אַלײן זיך אױס די ספֿירות
װאָס װױנען אין די קלאַנגען,
אין די גראָזן,
אין די פֿלאַנצן.
נאָר נישט פֿאַרגעסן כ׳קאָן אין גאַנצן יענע טעג
און דעם אָפּגאַנג פֿון די יאָרן. —

עס צײלט מײַן טאַטע די צײלונג פֿון מעסטל קאָרן
און קײן ברױט איז אין שטוב נישט צו זען.
דער מױערקאָפּ אױפֿן זאַנג
זינגט אים נאָך און זינגט אױס
דאָס געזאַנג פֿון געװען.

און דאָ, אין מײַן הױף, פֿרילינגט דער באַרנבױם
און דער פֿאַרבנרעגן פֿלײצט פֿון שפּעדיקן האָרן.

פאַרוואַנדלונג

א

אַ ווינט איז אַרײַנגעריטן
אויף די פליגל פון אַן אווועדטור
און אויפגעריסן אַלע פענצטער צום הימל.
ס׳איז געווען פרײַטיק פאַר נאַכט.
אַ וואָך איז מיט פײַער־טריט אין שבת אַרײַנגעגאַנגען
אַ שבת, אַן אײַנגעהילטער אין אור.
און איך, וואָס האָב דאָס געזען,
האָב נישט געגלייבט מײַנע אייגענע אויגן,
ביז אויפן כמאַריקן האָריזאָנט כ׳האָב דערבליקט
דעם מיליאָנען־יאָרן־אַלטן רעגן־בויגן.

ס׳איז פרײַטיק אויף דער נאַכט. —
דער טאַטע האָט קידוש שוין געמאַכט.
דער קאַזמערער בײַם „טיש" האָט ווידער אויסגעשטרעקט צו מיר
אַ האַנט, שלום אָפּצוגעבן און געזאָגט:
„אַז וועסט וועלן, וועסטו קאָנען"....
ס׳האָט אַ זונג געטאָן איך מיר אַ ניגון מיט אַלע טעמים,
מיט אַלע ברענען וואָס גייען אויף צום כסא הכבוד
און באַגאָסן מײַן פּנים מיט מלכותדיקער פאַרב.
האָט מײַן בליק געקלעטערט אַרויף צום הר הבית
און דערזען — דאָס חדר מיטן רבין,
און די צוקערקעס מיט די מאַנדלען
וואָס מלאכים האָבן געשיט איבער מײַנע גאַנצע דרײַ יאָר,
לכבוד אָנהייבן לערנען דאָס ערשטע אות.
און ס׳איז פול געוואָרן דער כוס.

ב

אַז דער באַשאַף איז ליכטיק אויפגעשטאַנען
אינעם באַהעפט פון אות מיט אות,
האָט אַ שפּריי־רעגן געטאָן אַזאַ גאַס

און גאָטס אָטעם געטראָגן אין די טראָפּנס.
צוקאָפּנס בײַ מײַן מאַמען ליגט דאָס ספר מטטרון
און היט זי, און שירעמט זי פון אַל דאָס בייזס.
און דער טאָג ווערט אַזוי שוויל, אַזוי הייס
און הייסער נאָך — די נאַכט.
האָבן ווײַסע שיר־המעלות־בלעטלעך
מיט גלויבן זי באַוואַכט.

די שטאָט האָט דערוואַכט.
דאָס געפילדער איז געלאָפן באַרג אַרויף
און מיטגעריסן אַלע פּחדים, אַלע אימהס.
אַ יינגל האָט מיט אַ מאָל מיידלישע אויגן דערזען
און נישט געוווּסט וועמענס.
דער שטאָט־באַרג איז געשלאָפן און דער קלויסטער האָט געשוויגן,
ביז ביידע געוואָרן זענען איינס.
און ביידע פליִען,
ביידע גרייכן.
די זון שטייט שוין הויך און העכער
און חלומות בלייכן.
און שוין גיסט זיך בלוט אין אַלע גאַסן,
אויף אַלע לאָנקעס,
אויף אַלע פעלדער,
און עס ווערן חרוב שטעט,
פעלקער,
לענדער.
אויס.
אַ וועלט גייט אויס.

און אַז דער שטורעם איז אַריבער,
און מיט אים — דער בייזער חלום,
האָט דער הימל זיך אויסגעטאָן פון בלײַ
און די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן, כביכול, פון דאָס נײַ.

און ס'איז געווען אַ נאַכט

ס'איז געווען אַ נאַכט מיט שטערן צעווונקענע,
מיט לאַנקעס אַנגעטרונקענע,
מיט ריחות פון היי פאַרשיכורט.
אויך צו אונדזער פלויט אַ שויט האָט זיך געטוליעט.
אַן אַלכע איינגעשרומפּענע,
אַן איינציקע אין הויף,
האָט דערוואַכט צעצוויטערט.
נאָר מיר האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט גערדאַכט,
אַז אַלע שאָטנס האָבן גוייִש זיך צעלאַכט
און, מיט וויסטע קללות מיך געשאָלטן און
געהוליעט.

און געווען איז די נאַכט מיט פייגל אַנגעפלויגענע
טשאַטעס, טשאַטעס,
געבראַכט געזאַנגען פון חסד, פון דערבאַרעם
און מײַן טאַטנס שלאָף איבערגעריסן.
דער דרויסן האָט זיך געטאָן אַ צעהיץ, אַ צעוואַרעם,
פול געוואָרן מיט פינקלענדיקע טויען,
מיט אויען —
ס'איז שוין קיינער די נאַכט נישט געשלאָפן.

האָט געטראָפן
אַז גראָד אין נאַכט אָט דער
בין איך דעם פּרוט אַדורכגעגאַנגען צו יענער זײַט גרענעץ.
עמעץ האָט מיך געפירט,
דעם וועג געוויזן מיר ביז די שטערן
און מיט קול, מיט מאַמעשן, מיר געזאָגט:
דאָרט,
אין יענעם לאַנד,
וועט אויך דער חלום דיר געהערן.

שפּאַצירן, נשמה מײַנע

שפּאַצירן, נשמה מײַנע, מיר זענען בײדע געגאַנגען
צווישן די געדיכטע בײמער,
צווישן די געדיכטע זאַנגען
און געזונגען געזאַנגען צום מאָרגן.
האָט אַ ווינט די פעלדער אויסגעבערענט,
די וועלדער אויסגעריסן,
מצבות אויסגעוואָרצלט ביזן גרונט
און אויסגעפּלאַסטערט אָן־סופיקע מאַגיסטראַלן.

טאַנצן, האַרץ מײַנס, מיר זענען בײדע געגאַנגען
אין אונדזער שטעטלס שענסטע זאַלן.
געגערט מיר האָבן דעם חלום אונדזערן
מיט בראָשורן און מיט ביכער
און מיט אַ בלאַט אַן אומלעגאַלן.
הײַנט, אַז עס וווינען וועלף אין אונדזערע הײַזער
און טומאה אין אונדזערע הייליקסטע לאָקאַלן
לעשן זיך, נשמה מײַנע, די שטראַלן.

✶

אויף די שפורן פון מײַן נעכטן כ'האָב אָנגעשטעלט די אויגן:
זעט, אויגן מײַנע, וואָס פון אים איז געבליבן!
דער שפּאַרבער האָט דעם ניגון צעריסן
און לאָדנס גרויע הענגען אויף די חורבות;
מ'וויגט נישט מער קיין קינדער דאָרט אין וויגן
און עס קומט נישט קיינער אַרײַן אינעם טויער.

אויף די שפורן פון מײַן טאָג איך זוך אַרום אַ צייכן:
אוי, וויפל שאָטנס הויערן דאָרט און לויערן!
און ווער קאָן ציילן דאָס שלעכטס און דאָס בייזס
און די רחמים
און די גנאָדן
וואָס אָנגעבאַרגט ס'האָט מײַן זײַן דאָרט און געדויערן?

אויף די שפורן פון מײַן נעכטן כ'האָב אָנגעשטעלט די אויגן. —

מײַן באָבע האָט געהאַט דאָרט אַ מיל

א

אויף אונדזער גאַס, דאָס געסל בײַם טײַכל,
האָט מײַן באָבע געהאַט דאָרט אַ מיל.
דאָס מילעכל האָט געמאָלט גרויפּן
און קאַשע פון רעטשקע און גערשטן
און איך מיט דער באָבען האָבן געדרייט דאָרט ס׳ראָד —
זינט ס׳האָבן אַ שפּיז געטאָן אין הימל דרײַ שטערן,
דרײַ שטערן די ערשטע.

גראָד איז דאָס מילעכל געווען אַזוי גרויס ווי איר מזל.
איז דאָס געמאָלעכטס געפאַלן דורך די זיפּן —
שניי פאַר דער טיר,
און פאַרשאָטן
די קוים באַפּוכטע חלומות וואָס אין מיר.

ב

מײַן זיידע האָט געזען די טריט פון דערלייזער
פאַר טויזנטער מײַל.
מיט אות און מיט תג געקאָנט ר׳האָט באַווײַזן
דעם המשך פון דער ווײַל.
דערווײַל
האָט דער שטויב זײַנע וויִעס מיט אַ ווײַסקייט פאַרצויגן.
האָט ער, דורך די נעפּלען, געקוקט דעם עתיד אין די אויגן
און געזאָגט:
זע, ווי רחל באַוויינט אונדז די קינדער.

האָט די באָבע געתחינהט:
אַז וויי און אַז ווינד מיר!
דאָס מילעכל איז קליין
און קליין איז דאָס מזל
און די קינדער — נישטאָ שוין.

הער זשע צו, יצחק משה,
הער אויס מײַן געבעט
און פֿאַרטײַטש עס כּביכולן
אין דײַן הייליקן לשון.

ג

אונדזער גאַס. — דאָס געסל בײַם טײַכל.
און הינדע, די צדיקת, געהאַט דאָרט אַ מיל
פֿאַר גרײַפּלעך און קאַשע,
מיט אַ ראָד וואָס האָט געדרייט ווינדן און פֿײַנען
זעקס טעג אין דער וואָך.
דערנאָך,
אַז ווײ צו דעם מזל —
דער שכן האָט אַלץ צוגעגזלט.

שיכור פון דײַן בלוי

א

איידער איך קום צו דיר, גינוסר,
זיי פליִען שוין מיר אַנטקעגן.
ווי פאָכען מיט פליגל, די מעוועס,
און מיט רייד פון געזעגן.
אין באַגלייט פונעם חלום איך גרייך
און שפּרייט אויס דיר דאָ מײַן ליד,
איין וואָרט בלויז, ש ל ו ם, כ׳וויל דיר זאָגן
וואָס צעטרײַבט דעם נעפּל אין געמיט.

כ׳וויל דיר זאָגן — און אַנטקעגן מיר דײַנע מעוועס
מיט פליגל פאַרשפּיצטע. ס׳איז שבת
און די שירה קוועלט נישט אין מײַן גומען.
כ׳וויל קומען — און די לופט רוימט אײַן מיר דעם סוד
פון איר בלויען געפלאַטער.
דער חרמון, וואָס רעדט צו מיר אַרויס פונעם שניי
ברענגט מיר צוריק דעם ווינטער.
צעצינדט ער דעם וועג הינטער מיר
און צעצינדט דאָס זען און דעם ניגון,
און דאָס אַש פון די נעכטיקע טעג
ער באַפליגלט מיט פליגל.

ב

אָ, מעוועס, איר ווײַסע פאַרפירנדיקע פייגל,
דאָס האָט איר, אַפּנים, דעם פּחד מיר געצייכנט
אויף די שויבן פון פאַרבלענדנדיקן פראָסט.
דאָס זעענט איר, אַוודאי, געקומען דאָרט אַהין
צום גלאָז מיטן טהרה־וואַסער אויפן פענצטער
וואָס געשטאַנען איז אין טעג פון שיבעה
נאָך מײַן מאַמען, נאָך מײַן טאַטן,

נאָך די שוועסטערלעך חיהלע און גיטל —
זוכן די נער.

איצט,
אַז זייער קבר איז שוין מער
נישטאָ,
גליט נאָך אויפן פענצטער אין ניטל
דער שניי, די ווײַסע וואַטע,
די רייזעלעך פון פּאַפּיר
און די שוואַרצע צירנדיקע קוילן.

ג
פּוילן האָט געהייסן דאָס לאַנד פון מײַן געבוירן.
דאָרט האָב איך געפונען און פאַרלוירן אַ לעבן.

ווען נישט דו,
ווען נישט דײַן רוף פון דער טיף
וואָס וועקט די בענקשאַפט,
די ליבע,
דעם זכרון דורכאַנאַנד —
ווו וואָלט געווען איצט מײַן לאַנד,
ווו וואָלט געלעגן איצט מײַן וועג? —

איך פרעג — און עס פליִען די מעוועס מיר אַנטקעגן,
עלעהיי אַ שיף בײַם אָפּגיין.
און איך גיי אָפּ.
אויך דער טאָג נייגט און גייט אָפּ.

און עס פאָכען מיט פליגל פון געזעגן
איבער דעמערדיקן שויס —
קרוממויליקע פייגל.

ד

גינוֹסר,
אָט בין איך שיכּור פון דײַן בלוי
און אָט — גרוי און ניכטער.
דײַנע טיפן געזען האָבן דיכטער,
טרוימער,
געטער.
שפּעטער, אַז דערוואַכן כ׳וועל דערוואַכן
פון דײַן כּישוף
און דײַן וואַסער וואָס איז הייליק
כ׳וועל אײַליק טרינקען,
וועלן זיך לייגן איבער מיר די בערג
פון דײַן צעכראַסטעטן אַרום
און וועלן אײַנדרעמלען מיט מיר
שווײַגנדיק,
שטום.

פאַרן בילד פון דער שענסטער

א

אַז דער נילוס גייט איבער, דער יאור גייט אַרויס פון די ברעגן,
ווערן די הימלען אין כנען פאַרוואָלקנט אין אָב.
אַ שלאָף רינט אַרויס פון די כמאַרעס און טריפט אַרײַן אין די פענצטער.
אַז דער נילוס גייט איבער, גייט איבער דאָס דערמאָנען
און שטעלט מיך פאַרן בילד פון דער שענסטער.

די שענסטע? — אַוודאי! דאָס איז דבורהלע די זינגערין, אַקטריסע,
וואָס האָט באַשײַנט אַ שטאָט מיט איר חן.
און כאָטש איר בילד געפינט מען נישט אין מוזייען,
ווײַל קיינער האָט עס נישט אויסגעהאַקט פון שטיין,
שטיי איך פאַר דעם ווי פאַר אַן אויסטערליש דערזען,
ווען דער חלום שוועבט אַוועק מיט מיר אַהיים.

אין אָב איז דער הימל דאָ פאַרכמאַרעט און דער חלום פלאָטערט.
מיט אַזאַ חלום פול פחד איך לאָז זיך צו דעם דאָרט. —
כ׳זע היטלען פירקאַנטיקע אויף ליאַנע קעפּ פון הערשער־יונגען.
נאָר עס רופט איר זכר און וועקט אין מיר דאָס אָרט,
די גאַס, די וויטרינע פון פעלדמאַן דעם פאָטאָגראַף,
וווּ עס שרײַט אַרויס איר בילד אינעם שוואַרצן שבת־קלייד.

זי שטייט אַ שלאַנקע דאָרט אין ווינט — אַ טאָפּאָל פון יונגן וואַלד
און אירע באַקן פלאַמען — צוויי צײַטיקע ראַנעטן.
אין חלום אַ צעוויינקטער איך הער געוואַלדן און זע:
זיי שטרעקן די באַגנעטן, טרײַבן זי, באַפעלן איר זיך אײַלן —
און פון דאַנען פירט דער וועג גלײַך אַוועק צום סטאַוו...

איך שרומפּ אײַן, ציטער אויף, שליס די אויגן שטאַרק, שטאַרקער
און מיט פאַרמאַכטע אַפּלען כ׳דערזע: אירע באַקן פאַלן אײַן, פאַרבלייכן.
איך שרײַ פון שלאָף, כ׳וועק די נאַכט, רוף די הילף די אויסגעטראַכטע.

ערשט אַ בליאַסק פון תהום פראַלט צו מיר אַרויף
און ברענגט מיר ליכטיקע פאַרגלײַכן:

ב

אַ ווײַסע בעריאָזע, וואָס תפילהט צו בלויע הייכן;
אַ הירשין — זי שלינגט מיט איידלפיס די בערג.
אַ פאַסטעכקע, וואָס פאַשעט אירע שעפעלעך ביחידיש —
אַ טרייסטערין —
זי שפּילט פאַר אונדז טעאַטער אין ייִדיש.

אָט זינגט זי דאָס יתומה־ליד פון „די שיינע מרים״,
אָט רײַסט זי מיט קינד און קייט מיט שולמיתס וויסטער ליבע —
אין דרויסן יאָגט אַ ווירבל־שניי און עס נאָגט און נאָגט די קעלט.

און די וועלט? —
אָ, אַ נס אַזאַ גרויסער. — שולמית איז אין מיזרח
און דער הימל דאָרט אין ווינטער איז אויכעט זון־צעהעלט...

די ווײַסע שײַן פון דרויסן בלענדט און בלינדט מײַן בליק
און די געסלעך ליגן ברוגזע, פאַראומערטע און טריבע.
נאָר אײַלנדיק אַהיים אין פאַר־באַגין איך הער:
שולמית וויינט פון איר ליבע אַרויס
מיך
און מײַן באַגער.

ג

אַ באַגינען אַזאַ פלאַמיקער האָט פון שלאָף מיך אויפגעריסן.
אַ געמעל אַ פאַנאָראַמיקער האָט פול געמאַכט די שויב.
וואָלט איך געווען אַ וואַכער שוין, אַ פון חלום אויסגעלייזטער,
געדאַנקט איך וואָלט דער שעה, דעם טאָג, דער אייבערשטער השגחה
און דער שווילער הייסקייט וואָס לייגט זיך בײַ דער שוועל שוין.

וואָלט געבעטן בײַ די הימלען דאָ, זאָלן לויטער זײַן אויך שפּעטער
און אין לויטערקייט אין בלויער ווײַזן מיר איר אָרט;
כ׳וואָלט געבעטן בײַ די הייכן דאָ, וואָלט געבעטן בײַ די ווײַטן,
וואָלט געבעטן בײַ די ווינטן מיר העלפֿן זי דערגרייכן.

שטיי איך אַ פֿאַרחלומטער און קני פֿאַר איר בילד אין מײַן זכרון
און מיט אויגן אָנגעגאָסענע איך קוק אַהין, צו איר געביין.
די — מיט היטלען פּירקאַנטיקע, און די — מיט לאַנגע בײַטשן,
מיט שווערדן אָנגעשאַרפֿטע שטעכן דורך מײַן טרוים דעם וואָרן,
בעת די שיינקייט די פֿאַרפּײַניקטע איך באַוויין.

ד
דער נילוס גייט איבער. פֿאַרכמאַרעט דער חודש אָב.
דער ראַדיאָ יאָמערט מיט אַלטן טרויער: „איכה״...
איך מאַך צו די טיר, איך בלײַב אַליין מיט זיך
און זינג־מיט די קינה צו מײַן אייגן האַרץ און אויער: —
איכה, ווי אַזוי, דבורהלע מײַן שוועסטער, מײַן כלה.
ווי אַזוי ביסטו אַ שטערן פֿון הימל אַרויסגעפֿאַלן?
ווי אַזוי ביסט דו, אַ זינגערין אַ געליבטע בײַ אונדז אַלע,
פֿאַרשטומט געוואָרן אין סאַמע מיט,
ווען אַ וואָרט פֿון טרייסט ס׳האָט אויסגעקוקט דאָרט יעדער ייִד?

און וואָס קאָן טרייסטן מער ווי אַ ניגון פֿול מיט צער?
„אָ, די ברונעו אָ די, אָ, די קאַץ אָ די אָ!
זיי זאָלן זײַן ווו איך שוועט, עדות אויפֿן אָרט״...
אַצינד, דײַן קול פֿאַרשטומט, עדות אויך נישטאָ,
און נישטאָ שוין ווער ס׳זאָל בענקען נאָך דיר ד אָ ר ט.

איז ווו זענען דײַנע רייצנדיקע בליקן, וואָס האָבן
ווי פֿײַלן אין אונדז זיך אײַנגעשטאָכן,
און ווו די בלומען פֿון דײַן לײַב, וואָס האָבן צו אונדז
מיט גלוסט אַזוי געשמעקט.

און ווו די לוסט פון דײַנע רייד — דײַן טעאַטער־קלייד
אין די פּרײַטיק־אויף־דער־נאַכטן,
און דײַן „שבת, יום־טוב און ראש חודש״ וואָס מיר האָבן געזונגען
אין דער וואָכן?
און ווו? —
און ווו?! —
ווײ, ווײ!

צו אַ נאַכט אין כנען

די האַנט
וואָס כ׳האָב דאָרטן אויפגעהויבן
און געשוווירן,
אַז כ׳וועל דיך, כנען, קיין מאָל נישט פאַרגעסן,
נעמט דיך היינט אַרום און גלעט דיך,
באַזינגט און בעט דיך.
און דו ווערסט שיין און שענער נאָך,
ווונדערלעך און גרויס —
מאַכטיק.

און פּראַכטיק ווערסטו, נאַכט פון כנען, אָ, ווי פּראַכטיק!
דיין לבנה — אַ פּיתה נישט דערבאַקענע אויף פאַררויכערטע בלעכן —
זעטיקט מיט בלויען חלום־זעט דעם היטער און דעם גייער
ביזן אויפטאָג פון נייעם טאָג.
און כאָטש הונגעריקע וויינען הינטער מיר שאַקאַלן
ווי די ווערבעס דאָרטן ביים צעבייזערטן טייך,
בין איך גלייך שוין איצט צו אַלע די וואָס האָבן
נעכט און
טעג,
שעפסן און
רינדער ביי קוואַלן.

נאָר ווייל איך האָב מיין היים די אַלטע,
וווּ איך בין אין ווייען אויסגעוואָקסן,
איך אַ ראָם איינגעראַמט אַצינדערט
און אויפגעהאָנגען זי לזכר אויף מיין וואַנט,
לאָזט זיך מיר אַראָפּ די האַנט —
אַ בליי־געוויכט אין וואַסערן טיפע
און מיין מויל אַ פאַרכמאַרעטס
ווייעט אַריין אינעם שטייניקן סטעפּ
אַ געבעט:

אָ, נאַכט פון כנען
בלויע,
פולשטערנדיקע,
צי קאָנסטו נישט אַרײַננעמען מײַן טײַכל און דאָס געסל,
און דאָס הײַזל דאָס נוטה־למותדיקע
און זיי פירן אויף די טרעפּ די דאָעדיקע
וואָס גרייכן צו דײַן פולער לבנה? —

אָט איך,
דער געקומענער צו דיר נאָך לאַנגן פאַרזאַם,
בין דאָך איינס מיט דיר און מיט דער ראַם,
איך גראַם דעם דאָ מיטן דאָרט
און רעד אײַך אַרויס אין איין אָטעם,
אין איין וואָרט,
ביז ווייטיק,
ביז פּײַן.

פאַר וואָס זשע נעמסטו נישט אין זיך זיי אַרײַן,
אָ, פולשטערנדיקע נאַכט פון כנען!

שווײַגשאַפֿט

צום טעפּער

כי הנה כחומר ביד היוצר...

טעפּער,
איך פֿאַרגיב דיר דײַן אײביק מאַכן מיך
פֿאַרשמעלערט.
פֿון דער טיפֿעניש פֿון טאָל,
פֿון דער געדעכעניש פֿון אַמאָל —
כ'פֿאַרגיב דיר דײַן מאַכן מיך שמאָל,
פֿאַרפּעלערט.

טעפּער,
פֿון זינט כ'האָב אָנגעהויבן גײן
דו האָסט ברײט מיך קײן מאָל נישט פֿאַרברײטערט.
זינט דײַן גאַנג כ'האָב אָנגעהויבן פֿאַרשטײן
בין איך — אין דײַנע קנעטנדיקע הענט —
פֿאַרשמעלערט,
פֿאַרפּעלערט,
צווישן לײמיקע זיך־קרישלענדיקע ווענט.

הײַנט,
אַז כ'האָב צום גורל אַלײן זיך דערוועגדט,
ווענט פֿון אײַזן אויפֿגעשטעלט,
ווענט פֿון בעטאָן,
פֿון שטײן —
לאָז מיך, איך בעט דיך, אַלײן
אויף אײגענעם באַראָט,
אָ, גאָט, מײַן גאָט!

פֿאַרפֿאַלן

אַזוי צי אַזוי, ווערסט מײַן דורשט נישט שטילן.
די תּפֿילין־בענדער וואָס בינדן מיך צום נאָפּל פֿון אַמאָל
האָבן אָפּגעשיידט שוין לאַנג מיך, שוין לאַנג
פֿון דײַנע ברונעמער און קוואַלן.
פֿאַרפֿאַלן. —
דאָס געזאַנג איז געפֿאַלן אויף אויערן טויבע
און מיך אַליין בלויז באַוועלטיקט.
איצט,
דאַנק איך דעם גורל און דער שעה
וואָס היט פֿאַר מיר אַן אָרט אין אייביקן פֿאַרגיי
און מיט פֿאַרגעבונג איך בייג זיך צו דער וואָר
ווי דאָס אויסגייענדיקע יאָר.

ווערסט מײַן דורשט נישט שטילן.
דער טאָג איז נישט הייסער הײַנט ווי נעכטן.
אויך די נײַעס איז נישט אַנדערש הײַנט ווי נעכטן.
„בײַ דער גרענעץ אַ זון איז געפֿאַלן
און פֿאַרטונקלט די שײַן פֿון אַ מאַמען.”
נעמען די פֿלאַמען פֿון דער זון מיך אַרום
און דעם טאָג דעם אויסגעברענטן,
זיי טראָגן מיך אַוועק צום געשלאָגענעם פֿעלדז
אין מידבר נישט דערקענטן.

אויב כ׳וועל זאָגן

א

אויב כ׳וועל זאָגן:
כ׳וועל דיר אַלץ פֿאַרגעבן.
און אָט די רייד — זײַדענע געוועבן
וועלן וויקלען דײַן לײַב און עס קילן,
וועל איך, מיט אַלע פֿינגער מײַנע,
די אויגן זיך פֿאַרשטעלן
און די זון —
מיט אָנגעצילטע ליכטער־שטראַלן
אַדורך וועט מײַנע לעפֿלען.

נאָר אויב כ׳וועל זאָגן:
כ׳האָב דיר אַלץ פֿאַרגעבן,
וועט אַ ציטער פֿאַרבײַ מײַן לײַב
און אויפֿציטערן מויל און לשון.

ב

אויב כ׳וועל זאָגן:
ניגון מײַנער, זינג!
און דאָס געזאַנג וועט זינקען ווי בלײַ,
זײַ וויסן, דאָס האָט די שטראָף מיך דערגרייכט,
ווײַל איך האָב געזונגען אַ זינדיקער
אויף אַ האַרץ אַ שווערס.

נאָר אויב כ׳וועל זאָגן:
ניגון מײַנער, העלף! —
די שעה ווערט צוועלף
און קיינער קומט מיר נישט צו הילף,
וועט אַוודאי דער ניגון זיך צעשפּילן
און מיט טענער לעצטע
מיך פֿאַרדעקן, פֿאַרהילן.

שוויַיגשאַפט

א

ניטע,
שלאָג נישט איבער מיר די רייד.
כ׳בין גרייט מײַן טענה אויסצוטענהן
פאַר יעדן דיין, ריכטער.
בין ניכטער, מער נאָך ווי דו מיינסט
און בין שיכורער ווי שיכור.
נאָר איך ווייס נישט פון צוריקקער.

ניטע,
פרווו מיך מער נישט אויס,
כ׳בין שוין זיבן מאָל אַ געפּרוווטער.
ווי קאָן איך נאָכן אײַנגיין
אויפגיין פון דאָס נײַ?
אין שטערנווועג אַ שטערן
כ׳בין קיין מאָל נישט געוואָרן,
קוים איך הער דאָס ערדגערויש
און שקיעה־שאַל
פון האָרן.

ב

דער דאָרן אויפן פעלד
מיט זײַן אָנצייַנערדיקן שרײַען —
לעשט מיר אויס דעם טאָג.
אַן אויסגעברענטער שטרעקט ער הענט
צו הימלען — בלײַען
און רעדט
ווי ער פאַר זיי וואָלט קניִען:
כ׳וועל זיך לאַנג דאָ נישט פאַרהײַען.

אַן אשל
אין ווײַטן זאַמדנפּלוין
און ציט פֿון ערגעצן זײַן יניקה,
איז אויך געקומען אונדז אַנטקעגן.
און פּונקט ווי דו — אי יונג, אי אַלט —
ער נעמט מײַן ליבשאַפֿט אויף בשתיקה.

זאָג איך:
ניטע, שווײַג נישט אויס דעם סוד
אויף מײַן היימס הייסע וועגן,
און מיט רייד פֿון נביא זאָג:
אין דײַן שווײַגשאַפֿט זאָלסטו לעבן.

מײַן אַגאַווע געזעגנט זיך

אונטער חשוונדיקע הימלען
וויגט אײַן דער טויט מײַן אַגאַוועס דרימלען.
דער ווינט אויף גרויע פידלען
שפּילט אויס אירע נאָדל־הימנען
און סמיק, ווי אירע ברוינע שפּיצן,
שטעכן זיך אײַן אירע רייד אין מײַן אויער:

אָ, וויסטער, פינצטערער טרויער!
וואָס וועט מען איצט פון מיר מאַכן? —
יוטאַ־לײַוונט פאַר געצעלטן,
זעק פאַר בעטלערס וואָס קלײַבן אָפּפאַל און שעלטן
צי — שטריק?
בלייכע, גרויע, האַרטע שטריק.

קוק אויף קעריק און זע:
מײַן צען־יאָריקע עלטער איז פאַרבײַ.
דער בוים,
וואָס פּלוצלינג וואַקסט פון מיר הויך אַזוי אַרויס,
קומט אָפּבליִען צוזאַמען מיט מיר
און פאַרדאַרן,
עלעהיי אַ רויז אַן אָפּגערויזטע.
עס זאָל דאָס אים אָנהייבן אַרן
וואָס געקומען איז ער ווי דעם טויטס שליח
אויף גיך, גיך,
צואײַלן מײַן ענד,
צואײַלן מײַן פאַרלענד.

און דו, מײַן פרײַנד, געדענקסט אַוודאי,
אַז געברענגט האָסט מיך פון נגב,
פון פעלדער הייסע, ברייטע

איבער מידברס אויסגעשפּרייטע,
כ׳בין געווען אַזאַ יונגע, חנעוודיקע גרינע פּלאַנץ,
האָסט מיך מיט ליבשאַפט אין דײַן גאָרטן אײַנגעפּלאַנצט,
ווּעסטו איצט מיר פֿאַרגעסן יענעם חסד,
ווען איך בין מיט דיר אַהער געגאַנגען?

פֿאַרגאַנגען איז די צײַט, אוי, ווײַט אַזוי, ווײַט
און עס ווילט זיך קוקן אויף צוריק:
וואָס וועט מען איצטער פֿון מיר מאַכן —
יוטאַ־לײַוונט פֿאַר געצעלטן
צי פֿאַרן תלין —
שטריק?

בענקשאַפטן אין אֵלֶה־טאָל

דער טערעבינט איז נידעריקער געוואָרן,
איינגעשרומפּענער, שיטערער
און געבליבן אַליין אינעם טאָל.
ער קוקט אויף מיר מיט שטוינונג
אַ פאַרביטערטער,
אַן אויפגעוואַכטער פון לאַנג־דורותדיקן שלאָף.

ווי אַ שטראָף פאַר זיין הייליקייט פון אַמאָל, —
זיין גרויס־זיין,
זיין באַצווייגט־זיין,
און זיין שאָטנדיק פאַרמעג
וואָס האָט געדינט ווי אַ ליבע־בעט
פאַר יונגפרויען אויסגעלאָסענע,
פאַר יונגען מיט ווייַנען אָנגעגאָסענע
און פאַר די גלייבערס וואָס געקומען אים דינען, —
איז ער געבליבן עלנט און פאַראַלמנט,
כאָטש — זיינע צווייַגן גרינען.

דער טערעבינט איז געבליבן דאָ אַליין.
קאָן איצט קיין רו נישט געפינען.
דער טאָג איז הייס, זיין שאָטן — קליין,
און די וואָס האָבן דאָ גערוט
אין ערב־שלאַכט פון גלית און דוד
זענען הייַנט באַזאַכטע און באַטראַכטע ייִדן.
און די גלייבערס לאַכן איצט און שפּעטן
פון זיך אַליין
און פון גאָר דעם גלויבן.

האָט דער אלה־בוים צו דר׳ערד זיך אַראָפּגעבויגן
די צווייַגן מיט דאגה אַראָפּגעצויגן טיפער אינעם טאָל
און מיטן ווינט גענומען זאָגן צידוק הדין.

מיט אַ ניגון אַזוי דין דעם צער אויסצוזינגען,
די בענקשאַפט אַרויסצוקלינגען נאָך יענע טעג
ווען אַ בוים
אויף יעדן בערגל,
יעדן היגל,
האָט געדינט פאַר אַ בעט
און פאַרוויגנדיקן וויגל.

דער טערעבינט איז נידעריקער געוואָרן.
ער הייערט אונטער בענקשאַפט און טרוים.

נאַקטורן

נאָכן הערן „נאָקטורן מיט דער לינקער האַנט" פון סקריאַבין.

מײַן רויטער דאַך איז שוואַרץ.
מיט פּחדים איך גיי אים אַנטקעגן.
דער קאָנצערט איז שוין ווײַט ווײַט פון מיר, ווײַט
און צערונען איז דאָס געזאַנג אויף די וועגן.
איך גיי און גיי אויף אויסגעלאָשענע טראָטואַרן
און הינטער מיר — דער אָפּקלאַנג
פון „די־לינקע־האַנט־נאָקטורן".

איך גיי און גיי מיט דאָרט און דאָ באַנאַנד
און שוין גייט אויס אין לאַנד די צווייטע אשמורה.
אַ האָן שנײַדט דורך דאָס שטומען און צעטרײַבט
דעם קאָנצערטס לעצטע שפּורן.
דער יורה וואַשט די שטויבן.
נאָר מײַן רויטער דאַך איז שוואַרץ, און פײַער — די קאָנטורן.

נאָקטורן! —
אַ לינקע האַנט צינדט אונטער מײַנע שוועלן
און איז גרייט מיט מײַנע זאַפטן אָנצוזעטיקן דעם מולך.
דער הימל־בויגן, אַזוי גרוילעך, זאַפּט די פלאַמען
וואָס קוועלן אים אַרײַן אין פּנים.
דערמאָן אים, — בעט איך שטיל דעם ווינט,
וואָס אײַלט פון דאָרטן מיט ליאַרמונג און מיט רוף, —
זאָג אים: איך שטרעק צו אים מײַן רעכטן אָרעם,
צו אים — דעם שומר בײַם ים־סוף.

און ווײַל עס הייבט באַלד אָן צו טאָגן
טו איך זאָגן, צוזאַמען מיט די בבלער בײַ די ווײמוט־טײַכן:
אַז אויב איך וועל אין אים פאַרגעסן,
זאָל איך פאַרגעסן מײַן האַנט די רעכטע.

דער ים שלאָפט

רויִק ביסטו ים, מײַן ים, אומבאַקאַנט דײַן שעה.
דאָס יאָר וואָס קומט אַצינדערט אָן
שיכורט אײַן, פאַרוויגט.
קיין שיפן קומען נישט צו,
קיין שיפן גייען נישט אָפּ,
נאָר אחרית־חלום שוועבט אויף דיר
און אַ זיסער שלאָף.

רויִק ביסטו האַרץ, מײַן האַרץ, רויִק ווי אָט דער ים.
דעם סוד פון אײַנגעשטילטן ברויז דו זאָגסט נישט אויס.
דערוואַרטונג בלויז האַלטסט אין זיך
און אײַנגעלייגטע פליגל —
דאָס יאָר וואָס קומט אַצינדערט אָן
הויערט אין מײַן שפּיגל.

איך קוק אַראָפּ צו דיר פון הייכן —
דער כרמל נייגט זײַן קאָפּ.
ווי וואָלט איך איצטער געטאָן אַ לויף
מיט אָרעמס אויסגעשפּרייטע.
נאָר דײַן חלום האַלט מיך אָפּ
און עס האַלט מיך אָפּ דער נעפּל
און דײַן זיסער שלאָף.

און עס שפּרייט דײַן רו אַ זילבער גראָ
און עס שווײַגן מיט די קוואַלן.
כאָטש אַלע טויערן זענען אָפן, אַלע שטערן שטראַלן.
נאָר קיין שיפן קומען נישט צו, שיפן גייען נישט אָפּ —
דער ים שלאָפט.

תשרי

דער האַרבסט איז אָנגעלאָפן. זײַ שטיל.
די גריל האָט שוין אירס אויסגעגרילט.
דער זמר איז בײַם שײדוועג פֿאַרגאַנגען.
וואָס זשע איז געבליבן צו פֿאַרלאַנגען,
אַז דאָס מעל האָסט פֿון לאַנג שוין אויפֿגעגעסן,
דאָס וואַסער — אויסגעטרונקען ביזן דנאָ
און גראָ און מיד איז דער וועג ?
זײַ שטיל. דער האַרבסט איז אָנגעלאָפן.

זײַ שטיל —
די טעג ווערן קיל און קלענער און שענער
דאָס גאָלד אויף די בלעטער.
שפּעטער, אַז דער ים וועט שלינגען די טײַכן,
קאָן זײַן אַז דעם פּײַן וועסטו אַליין איבערגרייכן,
נאָר איצט זײַ שטיל, שטילער ווי דו ביסט.

אומזיסט האָסט אויסגעהאַקט טרעפּ פֿון שטיין
זאָלסט גיין אויף זיי זיכער צו די הייכן.
דער ווינט פֿאַרשיט די שטעגן,
אויף די סטעזשקע וואָס פֿירט צו דײַן טיר.
די סאַברעקוסטן ווערן גרינער און געלער די פּרוכט.
זײַ שטיל.
דער טריל פֿון רויטבײַכלדיקן פֿויגל
לויפֿט אַרום
און זוכט.

כסלו

ברומענדיקע כמאַרעס פאַרלויפן מיר די וועגן.
דער אָוונט ווערט טונקעלער, גרויער.
מײַן פײַגנבוים אין דויער וואַרט אויפן רעגן
און נייגט זײַנע צווײַגן צו דער ערד.

ברומענדיקע כמאַרעס אײַלן איבער דעכער.
דער הימל לויפט אויף, ווערט פולער.
דער ים הייבט אויף דעם בעכער
אָן אָנגעגאָסענעם מיט שוים
און גיסט אים דער נאַכט אַרײַן אין שויס.

און איך גיי אַרויס דיך באַגעגענען בײַם טויער,
פון אַלע פיר זײַטן לויערט אויף מײַן טראָט.
נאָר ברומענדיקע כמאַרעס פאַרלויפן אַלע וועגן —
רעגן!

ווינטער

ביסט אויפגעשטאַנען מיד,
געוואַשן די שפּיץ־פינגער אינעם שניי פון דער שויב
און נישט געזונגען דאָס ליד.

ביסט אויפגעשטאַנען מיד.
דער קריי פון האָן שוין אָפּגעגאַנגען מײַלן.
האָסט געזען: נישטאָ קיין אָנהייב,
נישטאָ קיין סוף
און אַלע קינדער זענען אויף —
האָסטו פּאָטערלעך באַפוילן:
לאָמיר אײַלן.

האָט דער ווינט אײַזיק געברומט
און דער ניגון דער גרילס האָט פאַרשטומט
און פון דאָרף ביז דער שטאָט
האָט געקלונגען דײַן קול:
ער קומט,
ער קומט.

ר'איז געקומען
מיד
אָנעם ליד.

ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג

...און ווײַל מיר האָבן געזינדיקט האָט דער רעגן פֿאַרזאַמט.
שטייט מײַן עפּלבוים אַ דורשטיקער און וויינט
און דאָס גאַנצע לאַנד זוכט אַ קרבן
פֿאַר די זינד.

די גלוסטונג איז בלינד
און דאָס זוניקע ליכט פֿאַרבלענדט די אויגן.
נאָר וואָס טויגן דאָ פֿאַרגלײַכן און אויסגערעדטע רייד?
ווײַל מיר האָבן געזינדיקט
שטייט מײַן עפּלבוים אַ דורשטיקער און וויינט.

האָב איך פֿון זײַן וויינעניש געמיינט,
עס איז שוין כּלו כּל הקיצין —
ווי זשע קאָן איך זיצן אויף מײַן פֿאָטערשטול
און געבערן רעיונות ווי כּביכול, דער באַשעפֿער,
און מײַן זיידע ר׳ יצחק־משה? —

ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג קאָן וואַרטן דען אַ בוים
ביז ס׳וועט קומען אַ דערלייזער פֿון גושן,
אַ שומר־היטער, אַ באַשיצער
פֿאַר היצן בײַ טאָג, און בײַ נאַכט — פֿאַר קעלט,
אַז עס גייט אים אויס דאָס חיות נאָך אַ טראָפּן וואַסער,
אַז עס גייט אים אונטער, חלילה, די וועלט? —
ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג?

איז געקומען צופֿליִען די האָניק־טויב
און זיך געזעצט אויף זײַנע צווײַגן־שפּיצן,
די אָנבלעטערדיקע, די באַקעטע, די הוילע.
זי האָט אַ וואָרק געטאָן צו זײַן פֿאַראומערטן געמיט
און אים האָפֿן באַפֿוילן — — —

שניי

די ווײַסקייט פון די דאָרטנס, וואָס פאַרכאַפּט די נאַכט,
איז אָנגעקומען איצט אַהער
אומגעריכט.

די ווײַסקייט פון די דאָרטנס
וואָס ווינטן האָבן אָנגעברענגט מיט פולע וועגן שניי,
האָט מיטגעבראַכט מיט זיך — בלעטער פול מיט ווײי
און אויסגעלייגט זיי
בײַ די שוועלן פון דער ש ט אָ ט.

מיש איך בלאַט נאָך בלאַט
און די ווײַסקייט וואַקסט — אַ ראָד אַרום אַ ראָד.
נאָר קיינער ווייסט דאָ נישט,
קיינער וויל נישט וויסן,
אַז דאָס וואָס האָט פאַרשאָטן די טירן פון דער שטאָט
איז די שטומע ווײַסקייט פון די דאָרטנס.

יום־טוב

דעם טיש כ׳האָב געגרייט מיט טישטעך
מיט ווײַסן,
מיט אָרעם־ברויט און בלומען.
די ליכט — צעצונדן, צעפלאַמט.
בלויז דער רעגן צעווייקט די סטעזשקעס צום וואַלד.
און דער טויער איז צעפראַלט.

די בינען וואָס זשומען הינטער מײַן פענצטער
און אין זשומען זיי דרעמלען קריק אײַן,
בעטן דער זון זי זאָל קומען.
נאָר דער עלנטער ווינט, וואָס געבליבן איז פון ווינטער
נעסטן אין סאָד פון מײַן טרוים,
צעווינטיקט די צווײַגן איןביימערקרוין.

זאָגט דער יום־טוב: —
דער פרילינג פאַרשפעטיקט,
ער שפּילט זיך מיט מיר אין „בלינדע באָבע״,
נאָר איך וועל אים כאַפּן און ברענגען צום טיש.

איז דער טיש געגרייט מיט טישטעך
מיט ווײַסן,
מיט אָרעם־ברויט,
מיט בלומען
און עס רייצן די ריחות פון בלוּונג און פענער
ווי די רייד פונעם נביא.

אַ דעמב אויף אַ היגל

א

בלעטער — שטערן צענערטויזנטער —
הילן אײַן דעם דעמב אויפֿן היגל.
אין זײַן קרוין ברענט די זון און זי בלענדט.
נאָר אַ בלויער שיצט דער הימל אים מיט פֿליגל
ווי מיט הענט,
וואָס האַלטן היט־מאַשינען קעגן שונא.

די פֿלוינען ציִען זיך באַלוינטע
מיט פֿאַרבנלוין פֿון גראָז.
דער דעמב, — אַ באַצירטער מיט אַזוי פֿיל בלעטער —
קיניגט ווי דער האַר צבאות,
נאָר מיך, מיט זײַנע גרינע פֿינגערשפּיצן גלעט ער.

פֿייגל, וואָס קאָנען אין דער ברענעניש נישט רוען
פֿרעגן :
פֿאַר וואָס קומט עס אונדז, פֿאַר וואָס,
צו ווערן געיאָגט פֿון פֿײַערדיקע געטער ?

בלעטער. שטערן צענערטויזנטער. אָב.
דער היגל וועג־אַרויף
ווערט אַ באַרג אָנגעבאַרגט מיט זכרון : —
די פֿייגל וואָס האָבן געברענגט וואַסער דעם הייליק הויז,
קומען צום דעמב, אים פֿאַרלענגערן די יאָרן.

ב

טויזנט קולות אַלערליי
אין די טויזנט, טויזנט בלעטער.
כ׳וועל דאָ רוען און אַוועקגיין שפּעטער
ווען דײַן קרוין וועט שוין זײַן קופּעררויט פון בלענד.
רו איך איצט אין דײַן שאָטן
און די זון פלאַקערט אין דיר און ברענט.

איך זע,
די פלוינען וואָס זענען ווײַט אַוועק פון דיר
קוקן מיט בענקשאַפט צוריק:
בוים, בוים, ווען ס׳וואָלט זײַן דאָ אַ צוים
וואָלט ער אויך נישט דעם שאָטן פאַרשלאָסן.
נאָר דער וואָס גייט דאָ פאַרבײַ
הויערט אונטער פּעק מיט פאַרדראָסן.

שפּעטער,
האָבן כמאַרעס ווייך געמאַכט דאָס גראָז
און געטרופן די געסט ווי אין ממרא,
און בלעטער צענערטויזנטער אין ווינטיק געבלאָז
זענען געפאַלן צו דער רויערד, דער חמרה.

כ׳וועל מחדש זיין

כ׳וועל מחדש זײַן די לבנה, די נײַע,
און וועל איר זינגען בעטהאָווענס סאָנאַטע.
און ווי מײַן טאַטע — שפּרינגען קדוש.
נאָר מײַן חלום כ׳וועל שיקן צום ים פון דער שלווה
ער זאָל ברענגען פון דאָרטן
רו אויך פאַר מיר.

כ׳וועל אויפמאַכן טויער און טיר פאַר דער נײַער דערגרייכונג
און פרעגן: —
וואָס ברענגסטו מיט זיך דעם מענטש, דעם פּראָסטן?
וועט דאָס ברויט זײַנס אים אָנקומען גרינגער?
וועלן די טעג פון זײַן געזונט־זײַן ווערן אים לענגער?
וועט ער האָבן אַ דאַך און אַ קלייד שוין בשפע
און די פרייד פונעם קינד,
און פון גליק דאָס געלאַך
וועלן שטראַליק צעשטראַלן זײַן בליק? —

אַמיין, נאָך דאָ איז דער בלוטיקער קריג צעווישן פעלקער,
און נאָך דאָ איז די האַק פון דערלייזער.
און דאָס אייזעלע וואַרט בײַם שער פון מיסט,
און דער געקייטנטער זיצט נאָך און וויינט ביים טויער.
און פאַראַן איז דער חייב און דאָ איז דער זכאי,
און אַלץ איז צעשיידט, צעטיילט און צעריסן.

בעט איך — אין געקני פאַר דעם וווּנדערלעכן וויסן —
און טאַנץ אַנטקעגן דער אַלטער שײַן פון קליינעם ליכט:
„אַזוי ווי איך קאָן דיך מיט מײַן האַנט נישט דערגרייכן
אַזוי פאַרשווינדן זאָל פאַרשווינדן דאָס בייזס
פון איבער דײַן ערדס געזיכט.״

בילדער אויף די ווענט

שטערן אָנגעמאָלטע שווערן אַראָפּ מײַן געמיט.
אַ בלויקייט אַ געצייכנטע וויל דעם הימל מיר פֿאַרשטעלן.
ביימער, בלומען, גראָזן ווילן אַרויס פֿון אַקוואַרעלן
און זיך שטעלן אַרום מיר אין דעמער.

שעפּסן און לעמער לויפֿן אַראָפּ פֿון אַ באַרג,
דערציילן פֿון אַ פּאַסטעך אַן אויסגעטראַכטן.
און אָט אַ מאַרק,
אָט — אַ וואַלד,
און זאָל זיך דיר דאַכטן:
אַ יונגפֿרוי מיט זינגענדיקע גלידער.

באַר דער ניגון פֿון זומער־סוף וואַרפֿט אַראָפּ די שלייערס
און ברענגט אַרײַן דעם אומעט — זאַנגען אונטערגעשניטענע.
זעונגען פֿאַרביטענע גייען אַרויס און אַרײַן מיטן יורה —
דורך פֿאַרמאַכטע שויבן.
גרויע טויבן פֿליִען אַרויס פֿון די ראַמען
און פֿאַרווערן מיר דורכן פֿענצטער אַרויסצוקוקן.

טוקן זיך די אויגן מײַנע אין וואָלקנדיקע טײַכן
און בעטן חסד בײַ וויבערירנדיקע פֿאַרבן:
אויב איר קאָנט איצט דעם הימל מיר נישט ווײַזן,
ווײַזט מיר יענע זײַט פֿון פֿאַרגיין,
יענע זײַט פֿון שטאַרבן.

דער מלך פון מײַן לאַנד

דער מלך פון מײַן לאַנד איז טרויעריק.
דער מלך פון מײַן לאַנד איז באַצערט.
און איך, וואָס היט אים אין חלום,
שטיי פאַר אים אין אָנמאַכט און פרעג:

דײַן לבוש איז נאָך אַלץ אַזוי פּשוט, אַזוי פּראָסט,
דײַן בעט איז פון אײַזן און דיין שטרויזאַק — צעריבן,
איז וואָס דיר פאַרבליבן פון יענע טעג,
פון דאַן, ווען מיר האָבן דיך געקרוינט מיט מי,
מיט אַרבעט
און דיך גערופן מ ל ך?

דאָס פאָלק געוואָרן איז פעט — אַ לבנהדיקער רונד,
עס איז זאַט און פריילעך.
די קורצע קליידלעך פון די פריסטערינס דײַנע
פאַרדעקן נישט דעם רייץ און די שאַנד;
איז ווי לאַנג
וועסטו זיצן נאָך אויף דײַן אָרעמטראָן און רופן,
און אויסרופן דײַן טרויעריקייט, אָ מלך?

☆

דאָס גאָלד פון דײַן קרוין איז געוואָרן גרוי און בלאַס.
און דער וואָס טראָגט די לאַסט איז מיד און באַדויעריק.
און אַלע שופרות שאַלן אויס:
דער מלך פון מײַן לאַנד איז טרויעריק.

ביסט אַוועק

די ביימער עפענען זייערע מײַלער און פרעגן:
ווער וועט אונדז געבן צו טרינקען,
אַז דו ביסט אַוועק?
און איך —
כ׳האָב אָקערשט דערזען אויף זאַמדן דײַן טראָט
און געמיינט — כ׳וועל באַזינגען דײַן גיין,
איז פאַרבײַ גראָד אַ טויב מיט אַ בלאַט אין איר מויל
און מיט טויבישן חן —
נאָר דו ביסט שוין מער נישט געווען.

ביס־ אַוועק
און דער טאָג האָט דערוואַכט בײַ די טירן
צעעפנטע אָן דיר;
ביסט אַוועק און אַ שטוב איז געבליבן פאַרוווּנדיקט
און אַ גאַס
און אַ פויגל אין שטײַג.
און דער הויף שווײַגט.

לויפט מײַן שווײַגן אַריבער די ימען
און מײַן אויג וואָס ציילט יעדערנס קומען
ווי פערל אויף האַלדזיקע שנורן,
גלײַט, ווי עס גלײַען די זאַמדן
אונטער דײַן נע־ונדיקן טראָט

און בעט זיך בײַ גאָט — —

ווי וועסטו מיך לאָזן אַליין?

וועסט אַוועקגיין צווישן יאָ און ניין
און מיך לאָזן אַליין.
ווי וועסטו מיך לאָזן אַליין? —

וואָס פאַר אַ תירוץ וועסטו זאָגן
דער שעה, דער אָפּטריניקער: —
האָסט געבלאָנדזשעט אין וועג?
אַמיין די גאַסן האָבן שילדן הײַנט,
נעאָן־ליכטער אויף יעדן עק
און די צײַט איז אַזוי קלוג
און דאָס ליד אַזוי אַלט —
און אין קראָקע שטייט נישט מער דאָס הײַזעלע,
און אַ מאַמע דערציילט עס נישט איר קינד,
כאָטש עס פליִען און פליִען די חלומות
אַוועק מיטן ווײַ און ווינד.

און קיינער זעט נישט לעמבעריק איצט
פאַרמאַכנדיק די אויגן.
זאָל זײַן דערפאַר, וואָרט, מײַן וואָרט,
גייט אויס, פאַרלעשט דײַן רעגן־בויגן?

וועסט אַוועקגיין, וואָרט מײַנס,
און מיך לאָזן אַליין. —
ווי וועסטו מיך לאָזן אַליין?

בײַם סוף פֿון מײדן טאָג

ווער יאָגט מיך?

כ׳בייג צו מײַן אויער צום רעש פון דײַן קוואַל
און זאָג:
ס׳איז אַוודאי דאָס געפּאַרכט פון מײַן האַרץ.
עס איז דאָך דאָ אַזאַ פּרט און ס׳איז דאָ אַזאַ כלל
וואָס לעבן אין דיר נאָר, מיט דיר.
נאָר איך — אין געלויף נאָך שלווה, נאָך רו,
בלײַב תמיד ביי אַ צוגעמאַכטער טיר.

איך זוך. איך ווייס, ביסט ערגעץ ווו פאַראַנען.
ווײַל
וואָס איז דען דער רויש פון די וואַסערן אין הייכן
וואָס פאַלן אַזוי מעכטיק צו דער נידער?
און וואָס איז דאָס געפּלויש פון די ערדישע דנאָען
וואָס קוואַלט אַזוי קוואַליק אויף אַרויף?
זענען ערגעץ ווו פאַראַנען אַנדערע פאַרגלײַכן
בעת איך זוך דיך אין מײַן פאַרצווייפלטן געלויף?

און ווער יאָגט דאָס מיך און טרײַבט
צו מײַן דורכאַנאַנדיקן געאײַל
וואָס איך אײַל טאָג אויס און טאָג אײַן?
זאָל זײַן, אַז מײַן מאַמעס נישט־אויסגעלעבטע יאָרן
און מײַן טאַטנס תפילות נישט דערזאָגטע
יאָגן מיך,
פּלאָגן מיך,
בעטן זיך, אַז איך זאָל זיי דערגרייכן?

און אפשר זענען די טעג אַליין אַזוי געפּלאָגטע
און איך — פאַרחברט בין מיט זיי?

ליידיקער ערב

פאַר אמיר גלבוע

איך שטיי ביי דיין געבורט און וואַך.
כ׳זע דיין יוירן, דיין אויפגיין, ווערן.
כ׳זע ווי עס פינקלט און גלימערט דער בריליאַנטענער שטערן.
און איך שטיי און וואַך.

איך שטרעק צו דיר אויסביידע מיינע הענט
און זאָג:
וויל דיר, וואָס הייבסט זיך ערשט אָן.
אַ לויב דיר, וואָס הייבסט זיך ערשט אָן.
נאָר דער טאָג האָט נאָך נישט געטאָגט
און די נאַכט איז אין חלום שוין אויסגערונען
געוואָרן ס׳איז ליידיקער ערב. —
לאָז איך זיך גיין אַנטקעגן דעם סוד
פון דיין באַלדיקן ווערן
און גאָר דיין אָפּהילך דערהערן.

גיי איך און גיי
און דיין בריליאַנטענער שטערן שלאָפט נאָך אַלץ
אין הימלישן בויגן.
אויגן מיט טרערן פון תיקון און תפילה
רייסן זיך, יאָגן זיך, איילן.
אויערן אָנגעשפיצטע צו דעם ווערן
ווילן הערן, דערהערן,
נאָר דער אַרום — אַ ים, אַ פאַרגליווערטער אין שווייגן.

הייב איך אויף מיין קול צום דרויסן און פרעג:
ווי אַזוי קאָן די וועלט אַ נײַ יאָר געבערן
און מיינע אויערן זאָלן גאָרנישט נישט הערן? —

אור ל־ 1.1.1971

עפן זיך, טויער

אברהם סוצקעווער

טויער, מײַן טויער, עפן זיך.
שוין ווידער נישטאָ זיך ווו אַהינטאָן.
די שטומקייט פון גרויסן געררויש
מײַנע אײַלנדיקע טריט וויל פּענטען.
בײַ רויִנען דעם שפּרוך כ׳האָב פֿאַרגעסן
און דעם שליסל — דורך נעכט פֿאַרלוירן,
בלויז דער ניגון פון מײַן פֿײַגנבוים אין גרינען
ברענגט צו דיר מיך צוריק, מײַן טויער.

טויער, מײַן טויער, עפן זיך.
מעגסט זײַן קליין,
קלענער,
אַ שפּאַרע בלויז —
גענוג מיר דו אַליין, איינער.
שוין געשלײַכט וועג־אײַן, וועג־אויס
אַ קיינמאָל נישט־געררופענער דורך קיינעם.
איצט רופט מיך, איך הער דאָס, דאָס פעלד,
דער ווײַנשטאָק, דער פוקס און דער משל —
עפן זיך, טויער, לאָז אַרײַן
מיך,
מײַן חלום
און מײַן לשון.

★

מאַנגערן, דעם קראַנקן, אין שבט תשכ״ט

כ׳האָב היינט געזען
ווי אַן אָפּגעדאַרטער קוסט
האָט ווונדערלעך דערוואַכט ביי מיר אין סאָד.
איז גראָד היינט אַזוי הייס און שווער דאָס געמיט.
האָב איך אויפגעפּראַלט די אויגן
און זיך געקילט מיטן נס
און אַ פלאַטערל געזויגן האָט ס׳בליען.

כ׳האָב געמאַכט אַ ברכה אין מיין ליד
און עס געשיקט פליען צו אַלע זיבן שטערן.
ווי דו, אומפאַרגלייכלעכער פּאָעט,
אַראָפּגענומען כ׳האָב פון זיך די שולד
וואָס ליד גראַמט זיך מיט ייִד
און פון דיין גרויס אַרומגענומען
געגראַמט עס מיט אונדזער היימישן רבונו...

איצט,
אַז די שעה איז שוין שפּעט
און די טויערן פון די תפילות צוגעשלאָסן,
רעד איך מיט כביכול, כדבר איש עם קונו,
בעט אים אַליין און זאָג:

כשם, אַזוי ווי
כ׳האָב געזען ווי אַן אָפּגעדאַרטער קוסט
האָט וואַכיק אויפגעלעבט ביי מיר אין סאָד,
כן, אַזוי
זאָל געשען דיין נס
מיט אַן אויסגייענדיקן ייִדיש־פּאָעט
און מיט זיין קראַנקן־בעט.

דרײַ באַגעגענישן

א

טשערנאָוויץ.ווינטער. יאָר נײַנצן צוואַנציק פינף.
די טײַך־גאַס, פון אונטער שניי, קוקט סטרוניק און שטײַף.
רײַף ווערט דאָס האַרץ און די גלוסטונג אַזוי רײַף,
ווי דאָס גלײַקע פנים פון אונדזער בלייכער פרײַנדין דאָזיע.
אַ הויט אַזאַ ראָזע נעמט אַרום מײַן פאַרשטיין
און זאָגט מיר אונטער: אַזוי זעט אויס די ליבע.
און די טעג זענען פחדימדיקע, טריבע.

פון דער היים, פון וואַנען כ׳בין אַוועק,
יאָגט מיך נאָך אַ געהויל פון צוקנדיקע וועלף.
אַלע קינדער וואָס דאָרטן זענען געבליבן
שרײַען אין מײַנע אויערן: העלף אונדז! העלף!
און די שינאה צישעט, און קאָרשונען לויערן.
און אין לאַנד פון מײַן חלום לויפט אַרום אַ הונגער,
און איך, דײַן נײַער חבר, בין אַן עולה אַ יונגער.

כ׳געדענק: —
דײַן שוואַרצע האָר־טשופרינע טרײַבט דער ווינט און יאָגט
אַרײַן אין דײַנע שיפע אויגן.
ביסט נישט באָרוועס ווי גאָרקיס יונגען,
בלויז דײַן בליק איז ווילד, צעפלויגן.
נאָר ווען אַן עפן טוסט דײַן מויל
אין „דייטשן הויז” צי אין דער „פרימאַריע”
ווערט דײַן קרומע ראיה גלײַך,
לויטער און באַוווּנדערט.
און דײַן ליד איז ווי דו — אַנדערש און אָפּגעזונדערט.

בעת אַלע זינגען אַרבעט־לידער, ליד צו פאָלק, צו פאָן,
זינגסט דו — נאָך און ווידער —
וועגן דער הור און דעם הוזאַר,

װעגן מאַנגאַך און דעם נאַר,
ביז פון בעש"ט דו מאַכסט אַ „סאַנקט"
און מיר, דײַן חבר, טוט װײ אַזױ און באַנג —
ביז עס גיט אַ פּלײץ פון דיר אַזאַ אַ רעגן,
אַזאַ שפּרײַ
פון חכמה, װיסן, חן און שטיפערײַ,
און זיבן װעלטן װערן פאַר דיר אָפן,
פרײַ.

ב

— װילנע. אױגוסט. יאָר נײַנצן פינף און דרײַסיק.
בײַ דאַרמאַנען אין קאַפע מיר טרינקען און פאַרבײַסן.
שרײַבער און פּאָעטן רינגלען דיך אַרום —
עס לאָקט דײַן נאָמען, ער לײַכט שוין אומעטום.
דײַנע חומש־לידער לאַכן מיט באָבע־זײדע־פרײד און צער
און דײַן װעג — באַנען לאַנגע איבער לענדער אױסגעצױגן
און מיט רום דערפאַר.

איך זיץ דיר „װיזאַװי" און קוק דיר אין די אױגן.
װידער װאַקסט אַ פרײַנדשאַפט אױס, פון־דאָס־בײַ געבױרן.
שיכור פון טאַלאַנט דו שלינגסט די לאָרבער־װערטער
אַרום דיר — אַ װאַלד פון ליבהאָבער און פאַרערער,
און אַלץ איז באַשערט דיר,
און אַלץ פאַרגיט דיר.

ג

רמת־אביב. װינטער. טרעפונג נומער דרײַ.
מאַראַנצן־דופט און רעגן־לופט —
איך קום דיך זען אױף דאָס נײַ.
נאָר מאַט און אױסגעלאָשן, אױף שװעסטערס בעט
עס ליגט דער שענסטער ייִדיש־פּאָעט.

איך טו אַ זאָג:
וואָס מאַכסטו, איציק ליבער!
אַלע ימען קוקסט אַריבער? —
זע, ווי עס פּליט דײַן פּאַווע פֿון לאַנד צו לאַנד
איבער סקווערן, מערק און יאַרידן,
ווי עס רימען דיך און לויבן סײַ גויִים, סײַ ייִדן.
די אַלטע „זשאַרגאָנאַליע" טרעט דיר אָפּ אַ וועג ביז די שטערן
און די שפּראַכן־וואַקכאַנאַליע האָט שוין לאַנג געטאָן אויפֿהערן.
דער טראָפּן טונקלגאָלד פֿון שקיעה איז שוין טיף אַרײַן אין דײַן געמיט
און דו ליגסט מיד,
הערסט אויף זײַן,
הערסט אויף ווערן.

ווילסט שוין גאָרנישט ניט הערן?

טריפֿן טרערן פֿון אויגן פֿיר —
בריליאַנטן־שטיינער שווערן
אויף מיר,
אויף דיר —
פֿרינץ פּונעם ליד
וואָס איז מילד,
וואָס איז ווילד
וואָס פֿאַרשיכורט און ניכטערט־אויס
און איז גלעטנדיק און וויציק.

לאָזט דער גאָלדענער פֿאַרנאַכט אַראָפּ די אויגן
און ברעכט זיך אײַן, ווי מײַן געמיט, דעם קראַנקן אַנטקעגן.
הער איך אויף רעדן, כ׳הער אויף פֿרעגן,
נאָר דורך נעפּל נאַסן איך זע:
עס וואַקסט,
עס שטײַגט,
עס שטאַרצט צו די הימלען אַ פֿײַער־אַ פּ אָ ג י י —
מאַנגער
מײַן איציק!

זיי קומען

בײַ שװעלן פון אַמאָל
זיי װאַרפן אַראָפּ ס׳געפּעק און זיי קומען.
זיי קומען מיט ליד אַ געבליבנס פון שײַטערס.
עס רופט זיי אַהער דאָס גרינגראָז פון טאָל
און זיי קומען.

עס רופט זיי אַ בלאָט פון אַ בוים און זיי קומען
און דער שאָטן פון טרוים װאָס געװאָרן איז װאָר.
און עס װעקט זיי און װעקט דער אויסשאַל פון האָרן
און זיי קומען.

מיט קייטן־געקלאַנג אויף די פיס און מיט װוּנדן זיי קומען.
מיט דורשט נאָך טוי עס רופט זיי די זאַנג.
און ס׳איז זיס די דערמאָנונג אין װײַטן פון לאַנג
און זיי קומען.

עס װיבטלט אַנטקעגן אַ באַנגיקער ניגון: — זיי קומען —
דאָ זענען געשטאַנען די װיגן,
דאָ האָט מוטערמילך געגערט.
און זיי קומען, זיי קומען אַהער —
אַזוי איז אונדז שוין באַשערט.

מיט שקיעה אויף די אַקסלען

דאָרע טייטלבוימען

ווי וואָר איז דײַן טרוים און ווי שיין דײַנע רייד
ביסט געקליידט אין וואָכנקלייד און לײַכטסט.
דײַן ניגון — אַ האַרף אויף אַ כמאַרע אויפגעהאָנגען
וויגט אײַן אונדזער רויטן פאַרנאַכט.
נאָר אויף אומעט אויף דײַנעם, דעם פון דאָרטן געבראַכטן,
עס שפּילן שוין די ווינטן פון כנען.

אַ כוואַליע יאָגט אָן — אָן אָקס פונעם ים,
וואָס שפּריגט אַנטקעגן מיט הערנער — מחשבות.
י ע ן
ווײַל דו ביסט פון אונדז אַזוי ווײַט
טו איך פרעגן בײַם לאַנד פון די אבות:
וואָס איז שענער, זאָג, וואָר צי חלום?
נאָר ביידע מיר גייען פאַרשיכורט פון שקיעה
וואָס באַכטיקט אַרײַן אין די טאָלן.

ברענגען דײַנע רייד — מעוועס פון ים —
גרוסן פון היימען, אַמאָלן.
די טונקל ווערט ליכטיק, ווערט אַ פײַער אַ צעכוואַליעטס
און אין פײַער פאַרגייט שוין דער טאָג.

און אַזוי פאַרגייט אויך דער חלום דער בלויער
וואָס הילכט אָפּ אַ פאַרטויבטער אינעם רויש פון דײַן קלייד.
מיט דער שקיעה אויף די אַקסלען איך הויער און איך זאָג:
ווי שיין איז דער טרוים און ווי שיין אָט די רייד.

כ׳וועל אַוועק

כ׳וועל אַוועק
און דער טיש וועט בלײַבן אַנטבלויזט
נישט פאַרדעקט
די שטולן מיט ברוין און מיט גרין
וועלן וואַרטן אויף מײַן אויג
און מײַן האַנט,
כ׳וועל אַוועק
און ס׳וועט הויערן דער דיל נישט געפּוצט —
אַ הײמלאָזע שאָף.

אין שלאָף
וועט ברויזן און שטורמען מײַן לויער.
וועט זיך רײַסן פון טויער צו טויער
און וועקן דאָס נחת צו אויפשטיי,
נאָר איך וועל שוין זײַן אַהינטערן באַרג
פאַרכאַפּט פונעם ווינט.
קומט און כ׳וועל אײַך ווײַזן מײַן וועג
אויב איר האָט אים ביז הײַנט נישט געזען.

חלומות באַוואַכן מײַן גיי
מײַן ווײ ווערט צעשניטן אין שטראַלן און
עס צעפליִען זיך און צעלויפן די פייגל,
נאָר דער ענן פאַרשטעלט מיר די זון
און די נאַכט בײַסט אײַן די שטערן,
כ׳גיי אַוועק אין טריט פון די שעפסן
ס׳וועט קיינער נישט זען
נישט הערן.

שעה איצטיקע

איך צייל דיך נישט, שעה מײַנע, איצטיקע,
איך ווייס נישט צי שפּעט איז, צי פרי,
נאָר אין וווּנדערליכט פון דימענטענע רגעס
איך דערקען: ביסט מײַנע.

איך וועק דיך נישט, שעה פון מײַן וואָר,
איך וואַרף זיך נישט אויף דיר, ווי אויף עפּעס אַ געפינס.
דאָס דינסטע פון דינס, ברילִיאַנטיק אויסגעשליפן,
רינט אין מיר אַרײַן מיט דײַן זײַן.

לעב איך דיך, ווי איך לעב מײַן הויז, מײַן היים,
האַלדז איך דיך, ווי וואָלסט זײַן מיט מיר נאָר אַליין,
באַוואַך און באַשיץ דיך
ווי אויסגעצירטס, מײַנס, —
שעה פון מײַן זײַן.

ווײַט

ווײַט פֿון די שטערן איז מײַן שטאָט,
דער טראָט פֿירט מיך אַלץ ווי אַ בלינדן,
אַוודאי וועל איך זען ווען מײַן גאָט
נאָך איידער די שטערן צעצינדן.

ווײַט פֿון די הימלען איז מײַן בליק.
אַ גליק, וואָס די הימלען זענען ווײַטע.
כ׳וועל דיך טרעפֿן בײַם אַראָפּגיי פֿון בריק
און אפֿשר זען יענע וווּנדער־ווײַטע צײַטן,

ווען געגאַנגען ביסט האַנט בײַ האַנט מיט מיר,
מיט שירה אין האַרץ — באַרג־אַרויף,
שטעל איך לעצטיק מײַנע אויגן אָן אויף דיר
און זע זיך אַלץ נאָך אין יצרדיקן לויף.

נאָר ווײַט פֿונעם חלום איז מײַן וואָר
און קלאָר איז דער שניי איצט אויף די בערג,
און דער צוויט דער ווײַסער פֿון מײַנע האָר
און די טרוימען — אויסגעאַרקויפּטע אויף די מערק.

צומאָרגנס

איך וואַך אויף.
כ׳בין איינער אַליין אויף דעם ברייטן צעשפרייט.
אַן אָפּגעפּונענער פון דער שלאַכט
איך לאָז זיך גיין
אַהיים.

אַ פויגל,
מיט פליגל אָפּגעזענקטע
איז גלײַך איצט צו מיר.
קיין בוים איז נישטאָ און נישטאָ איז קיין פעלד,
דער האָרן וואָס האָט נעכטן אַזוי פריידיק געשאַלט
און דעם וועג געהעלט —
האָט פאַרשטומט,
פאַרפעלט.

ברומט אין מיר דער פּחד און פרעגט: —
וועט צופאַלן די נאַכט און מיך טרעפן אַ פאַרווירטן?
וועט צופאַלן די נאַכט
און פאַרשליסן אַרום מיר דעם אין־סוף?

איך וואַך אויף.
אַן אָפּגעפּונענער פון דער שלאַכט — כ׳לאָז זיך גיין.
און די פלוינען שפרייטן זיך,
און עס ציִען זיך די ווײַטן.

און עס ציִען זיך די ווײַטן.

צוריקוועגס

יאָג מיך! — שרײַט ער — און איך וועל לויפן.
ער הערט אַליין נישט זײַן אייגן שרײַ.
די שקיעה רייטלט איבער פעלדזן ווײַטע
און קראָען פלאַטערן אים פאַרבײַ.

יאָג מיך! — בעט ער זיך מיט טרערן
און עס ווערגט אים דער ווונדס געשריי.
אויך אין הימל, די יונגע שטערן,
שרײַען מיט מיט זײַן וויי.

און אָט פאַלט אַ שטערן לאַנגזאַם, לאַנג,
ער קוקט אים נאָך מיט שטאַרע אויגן,
און אין זײַן פאַלן — אַזאַ געזאַנג
ווי פון חשוונס רעגן־בויגן.

נאָר קיינער יאָגט נישט, קיינער רופט נישט,
קיינער אײַלט נישט אין זײַן טראָט.
ער בלײַבט אַלייניק אין מידבר וויסטן
און מיט אים —
גאָט.

אַ מאַמע

אַ ווינט לויפֿט אַרײַן אין די פֿאָנען,
טוט אַ שיט פֿולע פֿליגל מיט שטויב.
ווּ בין איך? — פֿרעגט אַ שטראַל פֿאַרלוירן
און בלײַבט שטעקן אין בוימישער קרוין.

אַ לוויה שנײַדט־דורך די לאַנגע גאַס,
טשאַטעס קראָען שלינגען הונגעריק די הייכן.
ווּ בין איך? — פֿרעגט אַ מאַמע בײַ די יועגן
און איר טרויער אַלע שוועלן וויל דערגרייכן.

זי גייט אַליין מיט טויזנטער באַלייטער,
גלעט דעם חלום וואָס וועבט איר אַ פֿאַראַכטאָגן,
וואָס טוט זי דאָ אין אַ געגנט אַזאַ ווײַטער? —
דער אַרום הערט נישט אויף דאָ צו קלאָגן.

אָט דערגרייכט זי און קלאַפּט־אָן אין אַ טיר:
רחמים־לײַט, — וועמענס איז ער, אָט דער אָרון?
אָ, ענטפֿערט נישט, כ׳וועל במילא מער נישט פֿרעגן,
מײַן רן האָט נאָך פֿיל יונגע יאָרן.

און ער וועט קומען אַהיים, ער וועט קומען,
עס רופֿט דאָך אים די מאַמע און דער בוים.
ער וועט מײַדן די סכנות וואָס דאָרט לויערן,
וועט קומען אָנצופֿליִען ווי אַ טרוים.

קניט פֿאַר איר די שטאָט בײַם ים.
אין די פֿאָנען אַרײַן איז אַ ווינט.
זי גייט מיט, באַלייט אַרויס איר פֿאַרמעג
און איר חלום אין ים אַרײַן רינט.

בשורה

איידער דו גרייכסט מײַן שוועל
ווערט מײַן זעונג מיט מולד־בלוט באַפאַרבט.
עס שטאַרבט אבער נאָך אבער פון פחד און פון מורא
אַז ביז דײַן שטראַל וועט גרייכן דאָ אַהער
וועט גליוווערן די טרער
און ס׳וועט ווערן נאַכט און תוהו.

וואָרעם גלייבן איך וויל גלייבן
אַז די בערן און די לייבן פונעם שטערנוועג
האָבן זיך געשטעלט אויף דער וואַך פון אַלע הימלען זיבן
כדי די בשורה צו באַשיצן אין איר לויף.
לויפט זי מיר נאָך מיט אַ גיכקייט פון ליכט
און קאָן מיך אַלץ נישט דעריאָגן.

נאָר אָט קומט זי, ווען עס הייבט שוין אָן צו טאָגן.
דער ריח פון יאַסמין אין מײַן גאָרטן
פלאַסטערט איר אַ וועג.
דער אַראָמאַט פון דער דליה
וואָס איך האָב הײַ־יאָר געפלאַנצט
גלעט איר די טריט.
אָבער איך בין מיט שניי שוין פאַרשיט,
מיט אַ זילבערקאָפּ אַ קלאָרן אויסגעניכטערט.
נעם איך זי אָן בײַ דער האַנט און גיי מיט איר מיט
צום ווינט, צום וויכער.

און עס ווערט מיר אײַנגעקריצט און קלאָר:
פאַרוואָר, עס איז זיכערער דאָס גיין אַנטקעגן בשורה
ווי דאָס שטיין אַ פאַרוווירטער אין טאָג פון גורל.

רויזן

דער ריח פֿון רויזן וועקט אויף מײַן זכרון.

דער ריח פֿון רויזן ברענגט מיר צוריק
יענע טעג,
יענע יאָרן
ווען די גאַס געווען איז יונג
און די לאַנקע — פֿון אויפֿוואַך צעגרינט.
דער ריח פֿון רויזן.

בין איך אַרויס אַנטשפּויזן
די רויזן וואָס איך אַליין האָב געפֿלאַנצט,
האָט אַ פּלאַטערל געטאַנצט מיר אַנטקעגן
און אויסגעזשומט דאָס ליד פֿון די לידער,
און אַ בין איז געפֿלויגן פֿון בלעטל צו בלאַט,
מיט זומען באַפּרוכפּערט דעם קוסט,
ביז אַ זאַטער און מידער
פֿון ריחות,
פֿון לוסט
און פֿון לאַסט
כ'האָב מײַן גאָרטן אין ליבע זיך דערקלערט.

פאַרראַט

אַפילו דײַן הויך אין פליִענדיקן ניטל
מאַכט טמא דאָס וואַסער און דעם טרוים. —
דײַן בגידה שמײַסט מיך מיט ריטער,
אָפּגעריסענע פון מײַן אייגענעם בוים.

דײַן חוזק נאָך שאַרפער איז, צעגליטער,
און שינדט מײַן לײַב מיט תּאווה־הנאה.
דו באַוואַרפסט מיך מיט שטיינער פון ביטול
און מיט ווינט פון פײַנטשאַפט נישט־דאָ׳ע.

דו זאָגסט: ס׳איז נישט מער ווי אַ מיטל
כדי דערגרייכן דאָס וויל און דאָס גוטס...
לעכערסטו מײַן לײַב מיט אײַזנשפּליטערס
און מײַן חלום — מיט פלאַמענדיקן גלוט.

איז וואָס זשע זאָל איך זאָגן אים, מײַן חלום,
אַז דײַן יעדער הויך איז אַ שמײַסנדיק ריטל —
נישט אַנדערש, נאָר אים הילן אין שטאָלן,
כדי אַדורכגיין די טמא נאַכט פון דײַן ניטל.

*

אויב וועסט רופן מיך צו פרײַנדשאַפט באַנײַטער,
וועל איך לאָדן מײַנע קעמלען ערב טאָג
און וועל יאָגן מיט מתנות דיר אַנטקעגן.

אויב וועסט אײַלן מיך באַגעגענען אַ צעשרײַטער
און דער הימל אַן אויסגעשטערנטער וועט שטומען,
וועל איך קומען צו געשלעגן אַ צוגעגרייטער.

נאָר אויב מיט גנאָדן דו וועסט קומען, ווי געלײַטערט,
און דײַן מעסער פֿאַרהוילן פֿון מײַן אויג —
וועט קיין נויג מײַן קני מער נישט נייגן
נאָר דיך פֿאַרבײַגיין
מיט האַסטיקע טריט.

בלעטערפֿאַל

מיט דאַרע פֿינגער אויסגעצויגענע
שמאָלע, ווי די בלעטער פֿון דער גערבערע,
האָט דער האַרבסט — אַ גראָער מלאך־דומה —
אָנגעקלאַפּט אין מײַן לאָדן
און מיר באַפֿוילן זיך צו גרייטן.

די בייטן אין מײַן גאָרטן האָבן מײַלער אויפֿגעעפֿנט
פֿאַר די קומענדיקע רעגנס.

בײַ די רויזנקוסטן האָבן די קאַרבן זיך פֿאַרצויגן,
די שניטן זיך פֿאַרהײַטלט פֿון חמימות און חמסינען
און בעל־כּרחו אָנגעהויבן גרינען.

נאָר איך, ווי מײַן פֿלוימענבוים,
האָב די בלעטער פֿון זיך גענומען וואַרפֿן,
אַ בלאַט — אַ רגע,
אַ בלאַט — אַ שעה,
אַ בלאַט — אַ יאָר
און ס'איז מיר געוואָרן קלאָר,
אַז דער האַרבסט
האָט אָנגעקלאַפּט, אַ גראָער, אין מײַן לאָדן.

מיט דאַרע פֿינגער, אויסגעביינערטע,
האָט באַפֿוילן מיר דורך זײַנע צישנדיקע ציינער
זיך גרייטן
צום ווינטער אויסגעהוילטן,
צום טאָג, וואָס איז נישט טאָג און נישט נאַכט,
צום הײַנט,
וואָס איז נישט הײַנט
און נישט מאָרגן.

שטייען די פֿאַרבײַגייער פֿאַרזאָרגטע
שאָקלען אין מיטלײַד די קעפּ,
און מײַנע בלעטער
פֿאַלן,
פֿאַלן.

דער כרמל האָט פאַרמאַכט די טיר

— לזכרו של הלל וולפסון

א

די שעה איז אַ שעה איצט פון רחמים —
קום אויף.
קוק אַרויף דורך די שטיינער וואָס הילן דיך איַין
און זאַפּ איַין
די שיַין, וואָס קומט פון כביכול און פאַרלענדט.

קום און זע:
דער טרויער פאַרברעכט שוין די הענט
אין אָנבליק פון ימיקן ליכט.
אומגעריכט גייט אָפּ דאָס געזאַנג
פונעם באַרג
וואָס דרעמלט פאַמעלעך איצט איַין
און רינט אַריַין
אין מנחה־זאַגנדיקן צעווייטיקטן האָריזאָנט.

ב

האָסט דערקענט דעם מזבח פונעם נביא אין געבוירן? —
אַ געלקייט פאַרבט איצט זיַין פנים.
אַפּנים — אַזוי איז ער געגאַנגען דעם גורל אַנטקעגן
נישט צו פרעגן ווען, ווו און ווי אַזוי.
האָט דער געל איַינגעשלונגען דעם גרוי,
און דער פאַרנאַכט, אַ צוגעפאַלענער מיט אַ מאָל,
איז נאָך אַלץ געבליבן דאָ הימלבלוי און העל.

אויף וועמענס באַפעל האָסטו צוגעמאַכט די אויגן?
ווער האָט דיַינע פיס צונויפגעלייגט ווי סטויגן?
ווער האָט דיר, אויפן באַרגיקן שטאַפּל, אַ קוש געגעבן
אין דער פלאַמיקסטער שעה פונעם דעמער? —

זע,
פֿאַריתומטע שאָף לעקן אויס דאָס געוויין
און אַ פּײַפל שפּילט אויס דעם פֿאַרליר.

דער כרמל האָט דעם טאָג אָפּגעזעגנט
און מיט גרויליכט פֿאַרמאַכט האָט די טיר
מיט דיר.

★

בײַם סוף פֿון מידן טאָג
מײַן סוד ווערט אויסגערונען.
מײַן ברונעם מיטן עמער אויפֿן שטריק
זענען געוואָרן ליידיק.
אויך דער חלום האָט זיך אויפֿגעכאַפּט,
זיך אויסגעטאָן פֿון שלאָף —
בײַם סוף פֿון מידן טאָג.

אָט נידערט שוין דער הימל
בײַם סוף פֿון מידן טאָג,
און דעקט די וואָלקן־הײַזער צו
מיט נאַכט וואָס קומט ערשט אָן.
נאָר דער רעגן אײַלט זיך נישט
און דער באַרנבוים אין דאַרעניש
בליט אין סוף פֿון טאָג,
בײַם סוף פֿון מידן טאָג.

און איך? —
אַ באַשאַפֿענער אין געטלעכן פֿורעם,
אין חלומות בײזע אָן אײַנגעהילטער,
בלײַב שטיין אַליין אין סוף פֿון מידן טאָג —
אַ ווערבע אין שטורעם.

צו דיר

דיר

באַווייליק מיר די שעה. זײַ מיט מיר
אין שעה פון ספק. אין שעה פון קני־געוואַקל, בעת
איך רעד צו דיר מיט קול פון דינער שטילקייט —
זײַ מיט מיר.

די זעט פון לעצטן רעגן, וואָס פאַלט שווערער נאָך פון האַגל,
פאַלט אַרײַן אין מיר, אין אָפּגרונט מײַנעם.
דער לאָגל פול מיט האָפן טריקנט אײַן, ווערט לער.
איז שווער מיר דיך צו פרעגן: — וועסט די רייד פאַרנעמען?
און דער חלום שלומערט.
און די שלייפן ברענען.

נאָר איך רעד צו דיר, איך בעט.
איך בעט בײַ דיר, ווי אלקנה
האָט געבעטן בײַ חנהן.
איך בעט ווי משה, מיט רייד פון ואתחנן:
„לאָמיך אַריבערגיין, איך בעט דיך, און לאָמיך זען"...

און אַזוי, אַזוי
גיי איך נאָך דײַן פלאַמענזון, דײַן ערד צעצונדענע,
מיט אויגן צוגעשלאָסן.
און דיר — מײַן לעצטער לויב, מײַן ליבע לעצטער,
איך ווער דײַן שאָטן.

גערענקסטו?

צי געדענקסטו, געדענקסטו אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט? —
און איך — מיט פינגערשפּיצן פון מײַן האַרץ
האָב די קערנער פון דײַן זאַנג צונויפגעשאַרט,
אין זיך אַרײַנגעזאַמלט —
אין שײַער פון מיין בלוט,
אין שײַער פון מײַן מאַרך,
און זיך מיט דיר געטערט
און דיך געלעבט,
געלעבט.

ווער זשע וועבט איצט אין מיר די פעדעם פון פאַרגאַנג,
ווער ציט אַראָפּ דאָס בלוי פונעם הימל
און ליידיקט אויס פון די ברינעמער ס׳חיות?
זאָל איך שטיין אויף די קני און קלויבן
די קערנדלעך פון טרויבן — אויסגעטריקנטע אין מײַן כרם?

הער איך אים און הער אים דעם ניגון פון דעמאָלט:
„צי געדענקסטו, געדענקסטו, אַז דו האָסט מיר צוגעזאָגט?"
און איך האָב דעם צוזאָג געהאַלדזט און געקושט,
געהאַלדזט און
געקושט.

דו און איך

ווען דו וועסט קומען, איך ווייס, — אַ זוניקער וואָלקן
פון ים, ערב שקיעה.
אַ חמסין, מיט מידבר צעאָטעמט, הייס
וועט בלענדן מיט געל־גאָלד דײַן וויִע.
און איך — פון דעמער צעצונדן
מיט וווּנדן פון אָפּנאַר און טעות
וועל בענטשן דאָס ליכטיקע פּנים.

דאָס שטוינען וועט פרעגן און מאָנען:
פון וואַנען בײַ מײַן שוועל אַזאַ ווונדער?
אַט ביסטו ווי דאָס ליד אַזוי אַלט,
אַט ווערסטו יינגער, פולער, רונדער,
אַט וועקסטו מײַן יונגשאַפט קריק אויף
וואָס איז לאַנג שוין אין דזיער אײַנגעשלאָפן
און מיט יעדן דערוואַך פון קאַיאָר
אַלץ ווײַטער און ווײַטער אָפּגעלאָפן. —
דאָס שטוינען וועט פרעגן און מאָנען.

נאָר דו וועסט קומען אַ זוניקע כמאַרע
פון ים, ערב מײַן שקיעה,
און איך וועל דיר לויפן אַנטקעגן
מיט נעפּלען אָנגעגאָסענע אין דער ראיה.

שיין ביסטו, שיין

שיין ביסטו, שיין אין אויפגיין פון געווען.
רייַך און צעשטראָלט איז דאָס זען.
ווער זשע וועט מיט פינגער מידע
די שייַן מיר פאַרשטעלן? —
וועל איך קוועלן פון דייַן זייַן אַזוי שיין
ביז וואַנען דאָס זען וועט פאַרגיין.

שיין ביסטו, שיין ביי די ברינעמער פון חומש,
געזאַלבט געזאַנג איז דייַן ציר.
דייַן טיר — אַ מאַמע אין דערוואַרטונג,
מיט טוייקן שמייכל אין טרער.
וועל איך גיין און וועל טרינקען דאָס געזאַנג פון געוויין
ביז וואַנען דער טאָג וועט פאַרגיין.

שיין ביסטו, שיין, פורפלוואָל אין וועבונג,
דייַן הימל — איך פאַרגין אים די פראַכט.
נאָר וואָס זאָל טאָן אַ האַרץ וואָס זוכט אַרום אַ ניגון
מיט ווונק, מיט טייַטש און מיט סוד? —
איז אָט גייט אויף דייַן סיריוס און שטעלט זיך אויף מייַן דאַך,
מיט פאָספאָרליכט צעשטראָלט איז דאָס זען.
מאַך איך צו די אויגן און זע:
ווי שיין דו ביסט,
ווי שיין.

רייטלט דײַן פּנים

דער טאָג נייגט קײַן מערב און רייטלט דײַן פּנים.
ביסט געקומען, אַפּנים, מאָנען דעם חוב
פֿאַר די לויטערע רגעס און שעהען.
פֿאַר די אויגן אין זוים פֿון דײַן קלייד,
פֿאַר דעם גאָלד אויף די צווײַגן — דײַן ליַיב,
פֿאַרן ניגון פֿון דעמאָלט, אַמאָל,
פֿאַר דעם ווינט וואָס בלאָזט שוין אין חלום.

און דער טאָג נייגט אַראָפּ. דאָס ליכט
לעשט זיך רויט אין שויס פֿונעם ים.
אויך דעם פּלאַם וואָס דו האָסט צעצונדן
אין רגעס יענע און שעהען
ער נעמט מיט צום שויס פֿונעם ים.
שוימט דער ים און צעשוימט מײַן אומרו —
דעם אומרו פֿון די ביימער אין גאָרטן.

און מײַן גרינער, געשווירענער פּיטאַנגאָ־פּלויט
גרויס.

שוועב מיט מיר

גיי אַרויס און זע,
ס׳איז טיר־און־טויער פאַרמאַכט.
אַ וואָלקן, גרויס ווי די נאַכט,
פאַרשטעלט דעם וועג צו די ווײַטן.
דער חושך ווערט געדיכט און געדיכטער
און די ליכטער אין מרחקים זיך ציִען —
נישט שוין וועט פאַרזאַמען דאָס טאָגן ?
שוועב זשע מיט מיר אַרויף צו די הייכן
מיר וועלן אפשר זיך ביידע דעריאָגן.

שוועב מיט מיר,
זײַ אַ צווייטע מיר צום מנין.
כ׳האָב אין ליבשאַפט דיך געגליכן
צו שענסטער פעסטונג, צו בנין.
אַצינד,
אַז אײַנגענומען פון לאַנג שוין דיך
און אַליין איך וואַך בעת אַלע שלאָפן,
האַלט די סאָווע פון מײַן חלום
אירע אויגן אָפן.

שוועב זשע,
שוועב מיט מיר און באַשירעם מיך
מיט דײַנע אויסגעשפּרייטע פליגל.

האָסט אַמאָל אַ שם געהאַט

דײַן שם, וואָס „געוועזן איז טײַערער פון גאָלד"
איז מיר נאָכגעגאַנגען איבער שטעט,
איבער ווײַטן.
אין אַ מיטוואָך אַ פאַרשמײַעטן
ווען מי האָט געהויערט אויף מײַן רוקן
האָט דײַן שם — אָן אײַנגערעמטער אין אַ שטערן —
מיר געטאָן געהערן.

דײַן שם, וואָס האָסט אַמאָל געהאַט
אין מײַלער פון די לערנערס און אויף גמרא־בלאַט,
איז מיט שטראַלן אַדורך מײַנע שויבן.
די טויבן, ווײַסע ווי דײַן העמד,
פּיקנדיק די קערנער פון מײַנע הענט
האָבן אין פלאַטער מיט דײַן שם מיטגעשמט.

הײַנט,
אַז דו ביסט אַ וואָרט אָן אָפּגעלעבטס
וואָס שווײַגט־מיט דאָס שווײַגן פון די סקאַלעס
און עס קומען נישט קײַן כּלות אויף דיר זיך אויסוויינען,
לעבט אין מײַן ליד בלויז דײַן שם
און אַ בלויער שאָטן אויף מײַן ברעם
וויינט־אויס דאָס געווען.

זי זעט מיך

זי זעט מיך הײַנט צוריקקומען,
אַ צוריקקומער פון שטרעקעס ווײַטע.
זי שטעלט אָן אויף מיר אויגן באַגערנדיקע
און רעדט, ווי זי וואָלט זײַן אַ פאַרשײַטע.
שטרעק איך אויס צו איר מײַנע אָרעמס —
צוויי רעגנבויגנס פון חלום אַרויסגענומענע,
און איך ווייס נישט אַליין צי זי ווייסט,
אַז נישט איך בין דער צוריקגעקומענער.

זי זעט מיך הײַנט אַ שמייכלענדיקן,
מיט שמייכלען פון זיג און דערגרייך —
אָט באַלד וועט אַ פאַל טאָן אַ שטערן
און זינקען לכבוד מיר פון דער הייך.
שטרעק איך אויס צו איר מײַנע ליפּן
און רעד וואַכיקע רייד פונעם שלאָף.
נאָר איך ווייס נישט אַליין צי זי ווייסט,
אַז דער הימל איז דאָ פאַרוואָלקנט אין אָב.

נײַקײט

די שעה איז נײַ
און נײַ איז דער טאָג װאָס קומט,
נאָר מײַן אויער איז מיד צו הערן
די נײַקײט װאָס קומט.

דער טאָג איז נײַ,
אויך דו ביסט נײַ אין דײַן קומען,
נאָר מײַן אויג איז מיד צו זען
דײַן נײַקײט װאָס קומט.

אויך דו ביסט נײַ.
נײַ איז דײַן גאַנג און פֿאַרהױלן.
נאָר מײַן האַרץ — פֿול רחמים און גנאָד —
האָט גאָר די ליבשאַפֿט באַשװױרן.

זאָגט די ליבשאַפֿט:
די זון בײַ מײַן שװעל איז צעשטראַלט,
דער טויער אויפֿגעפּראַלט — צװײ הײסע אָרעמס,
כ'נעם דיך אויף מיט ברויט און מיט זאַלץ,
מיט צײכנס פֿון אַלטס װאָס איז נײַ,
און דערװאַרט דיך מיט נײַס, װאָס דו ברענגסט
יעדן טאָג פֿון דאָס נײַ.

שטראָף נישט די בלום

גאָט, שטראָף נישט די בלום.
דײַן זוניק פײַער לאָז נישט פאַלן אין גאַנצן אויף איר.
אויך דײַן וואַסער אינעם פײַער איז צעזאָטן
און קאָן מיט הייסקייט זי דערשטיקן, צעטרעטן.
„צי האָט זיך די בלום צו מיר געבעטן?
צי האָט די בלום געוואָלט צו מיר גיין?" —
גאָט, זע ווי די בלום איז דאָ שיין,
ווי דער גאָרטן לעבט אין איר חן.

האַר, שטראָף נישט די בלום.
דאָס האָב איך געזינדיקט מיט מײַן גלוסטן.
אַנוסטן האָב איך די ערד דאָ צעקאָפּעט,
גראָזן אויפגעפרישט דאָ,
ביימער פאַרפלאַנצט,
קוסטן.
דאָס האָב איך געזינדיקט מיט מײַן גלוסטן.

הײַנט בין איך שומר אירער, היטער,
מיט מאַרך פון געמיטער איך זעטיק איר באַדאַרף
און מיט אַ האַנט אַ געניטער כ׳גיב איר ליבשאַפט — עסן און זי
זינגט צו מיר מיט ריחות אין אַלע מעת־לעתן.

קום

קום
און נעם צונויף
די טראָפּנס טוי וואָס ליגן
אויף מײַנע שלאָפנדיקע ווײַעס,
איידער די זון קומט אַרויס.

קום ווי רות,
מיט האַרץ און מיט שויס,
און נער מיר דעם חלום.

ליג בײַ מיר צופוסנס —
ס׳איז איצט שבועות נאָך חצות.
יעדעס אות אינעם חומש
ווי די זאַנגען אינעם רבינס טײַטש רוישן.
קום און קלויב צונויף פון אַ שטערן דעם בליאַסק
און פון אַ פויגל דעם טרעל
און פונעם טייכל דאָס פּלוישן,
איידער ס׳ווערט ליכטיק,
העל,
איידער ס׳ווערט מאָרגן.

קום
און נעם צונויף די טראָפּנס.

אין אָפּענער טיר

כ׳בין געשטאַנען און דערוואַרט דײַן פֿאַרבײַגײן.
מיט נעכטנס, פּולע זשמעניעס,
כ׳בין געשטאַנען און דערוואַרט דײַן פֿאַרבײַגײן.

איז פֿאַרבײַ מיר אַ ווינט
אַ געלער פֿון מידבר,
פֿאַרבײַ און צעהייצט מײַן געמיט,
נאָר דו ביסט פֿאַרבײַ נישט געגאַנגען.

געזען כ׳האָב דעם חלום מיט אָפֿענע אויגן
און געטריבן פֿון זיך די קאָשמאַרן.
אַ געמיש פֿון וועלדער, פֿון ימען און נעכט —
אַ מבול פֿאַרפֿלייצט האָט מײַן טיר.

בין איך דאָרט געשטאַנען — אַ בוים אַ פֿאַרטרויערטער,
און געטרונקען דעם ירדן ווי ווײַן,
נאָר דו ביסט פֿאַרבײַ נישט געגאַנגען.

כ׳בין געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר
און געוואַשן מיט טרערן די שוועלן.
געוואָלט דיך באַשווערן מיטן ליכט וואָס נישט דאָ איז
און מיט דער פּען וואָס קריצט אויס די באַפֿעלן.
נאָר אַ טאָג האָט געשלונגען אַ טאָג און געבליבן
כ׳בין אַליין אָן אַ טאָג —
און דו ביסט פֿאַרבײַ נישט געגאַנגען.

מיט געבעט אויף די לעפצן

וועסט קומען מיט געבעט אויף די לעפצן,
מיט װאָרט פון חרטה,
מיט װאָרט פון איבערבעטונג,
און וועסט שטיין פאַר דער טיר מיט הכנעה;
די האָר געוואָרן זענען גראָע
און גראָ איז דער בליק און פאַרנעפּלט.
וועלן פייגל דיר קומען אַנטקעגן
און דער עכאָ פון פאַרגעבן.

כ׳וועל דיר זאָגן: קום אַרײַן,
אָט איז ווײַן און אָט איז כוס צו לחיים.
אַ זשמעניע שטערן כ׳האָב אַרויסגעלאָזט צום הימל
און כ׳וועל נאָך מער און מערער באַפרײַען.
וועט דער הימל מיט בריליאַנטן זײַן באַשטערנט
און מיט צייכנס פון תפילה —
וועסט קומען מיט געבעט אויף די ליפּן
און די נעכט וועלן זײַן שוין קילע.

און אַז די נעכט וועלן זײַן שוין קילע,
ווער וועט פאַרהאַלטן דײַן קומען?
זאָל זײַן, די פאַרוואָקסענע שטעגן
און די שטענגלעך פון פאַרשניטענע בלומען? — —

דײַן יונגשאַפֿט

וואָס ווײַטער דו דערווײַטערסט זיך פֿון מיר
אַלץ מער וואַקסט אויס מײַן באַוווּנדער.
אַ וועלט אַ גאַנצע רינגלט דיך אַרום
און דו, ווי תמיד, ביסט אַלײַניק און באַזונדער.
ווּהין זשע זאָל איך הינטאָן מײַן אויג
און דאָס האַרץ — אַ מילגרוים אַ רײַפֿער —
בעת די וואָר האָט פֿון מיר דיך פֿאַרשלאָסן?

די בייזע פֿאַרדראָסן אין סוף פֿון דער וואָך
וויקלען אין ווייען מײַן גוף.
אָט דערוואַכט מײַן פּיטאַנגאָ אין בליונג אין נײַער
און דאָס קליינוואַרג וואַרט אויף זײַן פּרוכט,
נאָר איך — מיט אַ מויל אָן אויסגעטריקנטס
פֿרעג, און שטוין, און באַוווּנדער
ווי דײַן יונגשאַפֿט וואָס גייט אָפּ צו די ווײַטן
ווערט ווידער אַלײַניק און באַזונדער.

דײַן יונגשאַפֿט וואָס גייט אָפּ צו די ווײַטן
לאָזט אין ווײַשאַפֿט מײַן בענקעניש ליגן.
ס׳אַ ליגן אַז די צײַט טוט פֿאַרוויאַנען
און די עלטער לעשט אויס די פֿאַרלאַנגען.
בלויז געזאַנגען, וואָס גייען אין מיר אויף,
ווערן שטילער, שטילער,
און דאָס פֿאַרגלײַכן דיך צו בוים און רויז
באַלײַכט מײַנע לידער.

טיף אין וועלדל

טיף אין וועלדל שטייען די קברים
און אַ שטויב איבער זיי —
איך גיי און שלינג דאָס דערמאָנען.
דאָס האַרץ אין ווייענדיקן נאָגן
לויפט מיט דער שקיעה צום אַמאָל.
דער טאָג איז מיט שטיינער פאַרוואַלגערט
און דער היגל — מיט שטעכיקע קרײַטער.
איך גיי מיט ווינט דאָ געאָרעמט
אַנטקעגן אַ לאַנגאָניקן שײַטער.

שקיעה.
דער שטויב איבער קברים ווערט רויט.
וווהין זאָל איך אײַלן אין שעה פון דערמאָנונג
אַז איך צייל אויס דער מינוט אירע דופקס ביז זעכציק?
זעכציק גבורים פירן מײַן חלום אַרײַן אין מודיעין
און אַלע מײַנע חנוכהס בליִען.

ציִען מײַנע אויגן און ציִען
מיך אַרײַן טיף אינעם וועלדל —
איך זע דעם דעמער איבער קברים פון כוהנים.
שאָטנס רוקן אָן זיך, הייבן אָן שעפּטשען און זאָגן,
כ׳וואָלט שווערן: זיי רופן מײַן נאָמען.
נאָר באַלד וועלן שטערן באַוואַכן דאָס וועלדל
און מײַנע פּיס פאַרהיטן פון וואַקל.
די שקיעה איבער קברים פון מודיעין
זאָגט מיט מיר אָמן ואָמן.

בײַם גאָלדענעם טויער פון גלבוע

א

אויפן קאַרק
פון גלבוע־באַרג
איז אַ גאָלדענער טויער פאַראַן.
קיין פשוט אויג זעט אים נישט,
קיין פשוט אויער הערט אים נישט.
גייסט אים דורך — גרײַזע פעלדזן צוויי,
און עס קומט אַנטקעגן דיר אַ רחבות —
מיט אויפגעפראַלטע טירן.

אויפן קאַרק
פון באַרג גלבוע
כ׳האָב געזוכט די שפורן פון אָט דעם טויער,
די זון האָט געפּלייצט מיט טײַכן גאָלד
און מיט גאָלדנבלוט פאַרגאָסן דאָס ווילד געשטיין,
חמימה־ווינט האָט געווייעט אויף די פעלדזיקע שוועלן
און אַן עכאָ האָט אָפּגעעכאָט דעם איינער־אַליין.

האָב איך געגייגט מײַן אויער צו אָט דעם קול —
ווער רעדט דאָס צו מיר חלום־רייד אין מיטן העלן טאָג ?
איז דאָס ס׳געשעפּטש פון גאָלדנטויער, צי דאָס געוויין
פון דוד אויף שאולן ?
נאָר מיט אַ מאָל — דוד רעדט און אַלע היגלען קלאָגן :
„די פּראַכט אויף דײַנע הייכן איז דערשלאָגן.״

ב

אויפן קאַרק
פון גלבוע־באַרג
איז אַ גאָלדענער טויער פאַראַן.
היפּער איך און היפּער איבער שטיינער און היגלען
און זע : דרײַ מענער בײַם אייכנבוים פון תבור
מיט די ציקעלעך די דרײַ,

מיט די לאַבנס ברויט די דרײַ,
און דעם לאָגל מיטן ווײַן.
פאַרוואָר,
איך בין דער עדות פון דער זאַלבונג.
און אַ היימישער איך גיי אין גאָלדנטויער אַרײַן
פון דער לויטערקייט פאַרשיכורט.

נאָר אָט קריכט אַן אַ שלאַנג
און וויל מײַן קנאָכן גאָר דערגרייכן.
און אָט אַ ווידער —
ער טוט דאָ שלײַכן מיט אויגן תמע, שטילע,
מיט אַ ניגון־תפילה און מיט געציטער —
ער זוכט דעם קוואַל וואָס ר׳האָט אין לויפן דאָ פאַרלוירן.
און פייגל קומען צופליִען, און אַ ווילדע בין
און דער באַרג אתרוג־גרין, פול מאָך און גראָזן.

און איך — ווי כ׳וואָלט זײַן פון אַלעמען פאַרלאָזן,
קוק מיט האַרץ, מיט אויג און מיט אויער
צו דער אויפגעפראַלטער ברייט,
צו הימל אויסגעבלויטן אין זײַן דויער,
צו דעם באַרגס אומגעהייער און זײַן אויסגעדאַכטער רו
און ווייס: דאָס ביסט דו.

אין סיני

א

כ׳בין דײַן גאַסט און דײַן אײבּיקער גײער.
דײַן אומענד האָט תּמיד מיך געשראָקן
צי וואַרפסטו נישט אַ נעץ פאַר מײַנע פיס.
הײַנט, אַז דו ביסט אַרײַן אין מײַן זײַן
און די שטראַלן וואָס בראָטן מײַן הויט
זענען גאָלד צעגאָסנס אין פאַנען,
וואַשן דײַנע ליכטער דאָס זאַלץ פון מײַן אויג
און מײַן וואַכזײַנקײט דערגײט צו מדרגות.

איך בין וואַך ווי מײַן זײדע צו תּיקון חצות.
אַן עדות —
דײַן פלאַמיקע זון וואָס ברענט אויס יעדעס אות
און שרײַבּט נײַע געבאָטן. נאָר
ס׳האָט נאָך קײנער נישט פאַרבאָטן דעם חלום
צו לויפן איבער פאַרשאָטענע וועגן,
בין איך איצט געקומען דיך פרעגן:
צי ווױנט נאָך אין דיר דער גאָט
וואָס האָט משהן געגעבן די לוחות
און דערנאָך — זײ צעבּראָכן.

ב

מײַן האַרץ ווערט צעשטאָכן פון דײַנע שטראַלן
און רופט מיך צוריק צו דעם חומש.
גײט אויף דען אין מידבר אַ זעונג
און מײַן אויג איז פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן?
אַמײן די וועגט, אין וועלכע דײַן בילד איז פאַרקנאָטן,
זענען לאַנג שוין פאַרוויסט, פאַרחרובט.
לויפט מיר אַנטקעגן אַ ריצינבײמל —
אַ הירש אויף אַ היגל

און עס פֿאַלן אַראָפּ פֿון ווײַ מיר
די פֿליגל.

ג

זע ווי עס הויזן אין מיר די ווײַטן און נאָענטן —
דײַן רחבֿות, דײַן גרוי, דײַן געל,
דײַן פֿאַרבלענד.
שוין אין פּריצײַט נאָך דיר כ'האָב געבענקט.
נאָר דו ביסט געבליבן מיר ווײַט און נישט דערקענט
ביז הײַנט נאָך דײַן סוד.
בין איך פֿון אַלע ערגעצן געקומען דערקענען דאָ
מײַן גאָט.

אופּירה

איך ווייס נישט ווער ווען ס׳האָט באַוווּנדערט:
איך — דעםביימל וואָס קוקט אַן עלנטס אַרויס פון גראַניט,
צי דאָס ביימל — מיך,
נאָר כ׳האָב דערפילט דײַנע טריט און דערזען ווי דאַן
דו לייגסט אַרויף די האַנט אויף מײַן דיך,
באַשווערסט מיך און פאַרשנײַדסט מיט מיר אַ בונד,
און די גרינע וואָר ווערט אין מידבר גרינער גאָר
און לאָזט מיך נאָכגיין דײַן וועג ביז די סוֹף.

איך ווייס נישט ווער ווען ס׳האָט געלויבט: —
איך — דער באַרגנקייט
וואָס איז דעם ים־סופס לא ינום,
צי די בערג,
די אור־אַמאָליקע מיט בראשיתדיקן פּנים —
מיך.
איך ווייס נישט ווער ווען ס׳האָט באַגערט.

נאָר כ׳האָב דערזען אַז דו ביסט מיר באַשערט,
אַז ביסט ווערט מײַן חלום, מײַן זעונג, מײַן האָפן,
האָב איך,
געגאַרטלט מיט גאַרטלען פון דורותדיקן זײַן,
זיך געלאָזט אַראָפּ,
אַראָפּ,
אַהיים,

און אין מיר —
דײַן ווונדערלעכע שײַן.

אין דער זאַמלונג:

פון חלום אויפגעריסן

טויערן אין די בערג 7
דעמאָלט 8
כ׳דערקען דיך 9
זיך אויפגעכאַפּט 10
פלוימען פון אַנומלט 11
פון חלום אויפגעריסן 12
ווער ס׳האָט געזאָגט 13
אַ פלי טאָן קיין דאָרטן 14
ווו מירטן גרינען 15
שטיינער פון דערמאָנונג 16
דער באַרנבוים פרילינגט 19
פאַרוואַנדלונג 21
און ס׳איז געוועז אַ נאַכט 23
שפּאַצירן, נשמה מײַנע 24
(אויף די שפּורן) 25
מײַן באָבע האָט געהאַט דאָרט אַ מיל 26
שיכּור פון דײַן בלוי 28
פאַרן בילד פון דער שענסטער 31
צו אַ נאַכט אין כנען 35

שווײַגשאַפט

צום טעפּער 39
פאַרפאַלן 40
אויב כ׳וועל זאָגן 41
שווײַגשאַפט 42
מײַן אַגאַווע געזעגנט זיך 44
בענקשאַפט אין אֵלה־טאָל 46

נאַקטורן 48
דער ים שלאָפט 49
תשרי 50
כסלו 51
ווינטער 52
ווי לאַנג, אַ ווי לאַנג 53
שנייי 54
יום־טוב 55
אַ דעמב אויף אַ היגל 56
כ׳וועל מחדש זײַן 58
בילדער אויף די ווענט 59
דער מלך פון מײַן לאַנד 60
ביסט אַוועק 61
ווי וועסטו מיך לאָזן אַליין ? 62

ביים סוף פון מידן טאָג

ווער יאָגט מיך ? 65
ליידיקער ערב 66
עפן זיך, טויער 67
✶ (כהאָב הײַנט געזען) 68
דרײַ באַגעגענישן 69
זיי קומען 72
מיט שקיעה אויף די אַקסלען 73
כ׳וועל אַוועק 74
שעה איצטיקע 75
ווײַט 76
צומאַרגנס 77
צוריקוועגס 78
אַ מאַמע 79
בשורה 80

רויזן 81

זע, ווי די שעה 82

מאָרגן 83

פּאַרראַט 84

✶ (אויב וועסט רופן) 85

✶ (לאָמירביידע) 86

צו אַ פלאַטערל 87

בלעטערפאַל 88

דער כרמל האָט פאַרמאַכט די טיר 90

✶ (בײַם סוף פון מידן טאָג) 92

צו דיר

דיר 95

געדענקסטו ? 96

דו און איך 97

שיין ביסטו, שיין 98

רייטלט דײַן פּנים 99

שוועב מיט מיר 100

האָסט אַמאָל אַ שם געהאַט 101

זי זעט מיך 102

נײַקייט 103

שטראָף נישט די בלום 104

קום 105

אין אָפענער טיר 106

מיט געבעט אויף די לעפצן 107

דײַן יונגשאַפט 108

טיף אין וועלדל 109

בײַם גאָלדענעם טויער פון גלבוע 110

אין סיני 112

אופירה 114

ביכער פון יעקב צבי שאַרגעל

אין בלויען ליכט, לידער. אַרויסגעגעבן: יידישער ליטע־ראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל, תל־אביב, 1937.

פון ווייַ און גלויבן, לידער. פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1959.

זוניקע שוועלן, לידער. פאַרלאַג „ישראל־בוך", ת"א 1968.

עלי ספים, שירים. הוצאת ספרית פועלים. איבערגעזעצט פון יידישן אָריגינאַל: אמיר גלבע, ב. מרדכי, חיים רבינזון, אשר שופט, שלמה שנהוד. תל־אביב, 1972.

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פּאָעמע

רפאל מאַהלער / ספר סאַניק
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שיַער
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן /...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אַברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכה חפץ טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד:
אַ פרעמדע וועלט * אין נײַעם לאַנד

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער און פּאָעמעס